לע״נ חבירינו היקר הבלתי נשכח
מוהר״ר **אברהם** ע״ה במוהר״ר
**משה דוד** הי״ו **געטץ**
נלב״ע א׳ דראש השנה תשע״ט לפ״ק


# גליון חיים נצחיים


א ליכטיגקייט און קלארקייט אין עבודת השם, פונעם קוואל פון הרה״ק **רבי נחמן מברסלב** זצוקללה״ה און זיינע הייליגע תלמידים זיעועכי״א

יו״ל בהשתדלות **איחוד החבורות ד׳חסידי ברסלב** - ארה״ב





גליון 13 | ראש השנה תש״פ


פארברייטערטע
אויסגאבע לכבוד
**ראש השנה**
ולרגל כלות השנה לפטירתו של
חברינו היקר מו״ה
ר׳ **אברהם געטץ** ע״ה

## גאר מיין זאך איז:
# ראש השנה
עמוד 2


מעט מן האור - 2 | א חידוש אין די שו״ת וועלט - 29 | ער איז א איד - 32 | אצינד, וואס טו איך יעצט - 33







שמעון י. הלוי

# גאר מיין זאך איז:
# ראש השנה!

**גאר געשמאקע שמועס אלץ הכנה איבער די צוגאנג צו די נסיעה צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה און אלעס ארום די קיבוץ און די עבודה פון די טעג – אויסגעברייטערט און אראפגעלייגט אויף א גאר רייכע פארנעם**

פאר אונז אלע, ברסלב'ע חסידים, איז שוין באוואוסט, וואס דער הייליגער רבי האט אלץ ארומגערעדט מיט אזעלכע געוואלדיגע הפלגות איבער די גרויסקייט און איבער די געוואלדיגע חוב וואס ליגט אויף יעדעם איינעם פון זיינע מענטשן צו זיין ביי אים אויף ראש השנה. אויף אזוי ווייט, אז דער רבי האט קלארגעשטעלט, אז אין דעם פונקט שטעקט זיין גאנצע זאך. **"גאר מיין זאך איז ראש השנה!"** - האט זיך דער רבי אויסגעדריקט.

אזוי אויך איז באקאנט די שפריכווארט מיט וואס דער רבי האט זיך אנגערופן אין די לעצטע ראש השנה - **"הראש השנה שלי עולה על הכל!"**, מיין ראש השנה שטייגט איבער אלעס! דאס איז העכער אלע עצות און העכער אלע תיקונים וואס דער רבי האט אלץ געגעבן. פון דעם אלעם קוקט אויס, אז דער עיקר נקודה און דער שפיץ פינטל פונעם הייליגן רבי'ן איז ראש השנה!

## 'ראש השנה' אדער 'תפילה'

ווי וואונדערליך איז אבער, אז ווען מיר כאפן א בליק אינעם רבי'נס ספרים, געפונען מיר פונעם רבי'ן אט די זעלבע לשונות און ענליכע אויסדרוקן, איבער די גרויסקייט פון תפילה און התבודדות. צום ביישפיל: דער רבי, ווי באקאנט, האט זיך אויסגעדריקט: **"גאר מיין זאך איז תפילה!"** (ליקו"ת סי' ק"א). (אזויווי עס איז באקאנט, אז ווען דער הייליגער רבי איז אנגעקומען קיין ברסלב האט ער זיך אוועקגעשטעלטביים טיר פון שוהל און פארגעהאלטן דעם עולם פארוואס מען הערט נישט דא קיין 'מחאת כפיים' בשעת'ן דאווענען, און אזויווי רבי נתן שרייבט דארט (חיי מוהר"ן, ע"ח), אז פון דעם האבן מיר פארשטאנען פונעם הייליגן רבי'ן, אז דער רבי האט געוואלט צוריק מחזיר זיין 'העטרה ליושנה' צווישן זיינע מענטשן, צו דאווענען מיט אלע כוחות אזויווי עס איז געווען אין די צייטן פונעם הייליגן בעש"ט, וואס מיט די צייט איז דאס היפש פארגעסן געווארן).

ווי אויך איז פאר אלעמען באקאנט די לשון פונעם הייליגן רבי'ן אויף התבודדות (ליקו"ת סי' כ"ה): **"התבודדות הוא מעלה עליונה וגדולה מן הכל!"**, התבודדות איז די העכסטע מעלה (אין עבודת השם) און שטייגט איבער העכער אלעס!

איז לכאורה, איין מינוט, וואס טוט זיך דא? וואס איז דער עיקר זאך און די הויכפונקט פונעם הייליגן רבי'ן - **ראש השנה** אדער **תפילה**? דא קוקט אויס פונעם רבי'נס ווערטער, אז גאר זיין זאך איז ראש השנה און אז זיין ראש השנה שטייגט איבער העכער אלעס, ווייזט אויס אז אלעס שטעקט נאר אין ראש השנה, און דא פלוצלינג זאגט דער הייליגער רבי, אז גאר זיין זאך איז תפילה, און אז התבודדות שטייגט איבער העכער אלעס? וויאזוי שטימען די ביידע טערמינען?!

נאכמער, הרה"ג רבי נחמן טשערינער זצ"ל מערקט אָן א רמז, אז דעריבער איז געווען אזא שרעקליכע מחלוקת אויפן רבי'ן, וויבאלד אויף ראש השנה שטייט **בכסא ליום חגינו**, אויף וואס חז"ל דרש'נען (ר"ה ח.) **איזהו חג שהחודש מתכסה בו**, אין וועלכע יום טוב איז די ליכטיגקייט פון די לבנה פארדעקט? **הוי אומר זה ראש השנה**, אז דאס איז ראש השנה. דאס איז עפעס גאר א הויכע באהאלטענער יום טוב. און היות דעם רבי'נס עיקר זאך איז דאך ראש השנה, דעריבער איז דעם רבי'נס געטליכן שיין אויך אזוי פארהוילן און באהאלטן פון דער וועלט (חיי מוהר"ן הקדמה).

ווידער פון די אנדערע זייט, האט דער הייליגער רבי האט אמאל געזאגט, אז די גאנצע סיבה פארוואס ער האט אויף זיך אזויפיל מחלוקת און מען האלט אין איין קריגן אויף אים, איז וויבאלד חז"ל זאגן דאך שוין: **"אֵלּוּ דְּבָרִים הָעוֹמְדִים בְּרוּמוֹ שֶׁל עוֹלָם, וּבְנֵי אָדָם מְזַלְזְלִין בָּהֶם, וּמַאי נִיהוּ? תְּפִלָּה!"** (ברכות ו:), דאס הייסט, תפילה איז די זאך וואס שטייט אין שפיץ פון דער וועלט אבער מענטשן טוען גרינגשעצן אין איר. דערפאר, האט דער רבי אויסגעפירט, היות זיין גאנצע זאך איז תפילה, קריגט מען אויף אים און מען טוט גרינגשעצן אין אים.

איז וואס איז לכאורה דער עיקר אורזאך פארוואס מען קריגט אויפן רבי'ן? און אזוי אויך וואס איז דער הויכפונקט פונעם רבי'נס זאך?!

## "פטר'ן די גאנצע וועלט פון דין"!

איידער מיר לאזן זיך אריין אין די הסבר דערויף, ווילן מיר קודם אויסשמועסן א שטיקעלע הקדמה. די גמרא ברענגט, אז רבי אלעזר בן עזריה האט זיך אמאל אויסגעדריקט, "איך קען פטר'ן די גאנצע וועלט פונעם 'יום הדין' פון די טאג וואס דער בית המקדש איז חרוב געווארן ביז יעצט" (עירובין סה.). ער בויעט עס אויס דארט, וויבאלד אידישע קינדער ווערן גערעכנט אין גלות אזויווי שיכורים, אזויווי אין פסוק שטייט "שכורת ולא מיין" (ישעיה נ"א, כ"א), דאס הייסט, זיי זענען נישט הונדערט פראצענטיג ביי זיך, וואס דעריבער קען מען זיי נישט באשולדיגן, וויבאלד די אלע זינד וואס זיי טוען, קומט נישט פון זייער פולסטן באוואוסטזיין.

די גמרא פרעגט דארט א קשיא דערויף און די גמרא בלייבט דארט מיט די מסקנא, אז ווייסטו וואס רבי אלעזר בן עזריה האט געמיינט צו זאגן אז ער קען פטר'ן די גאנצע וועלט פון דין? - ער האט סך הכל געמיינט צו זאגן, אז ער קען פטר'ן כלל ישראל פון תפילה, דאס הייסט, פון דאווענען. היות יעצט אין גלות איז די קאפ פון א מענטש נישט געהעריג ביי זיך פון אזויפיל צרות און ווייען, דעריבער קען מען זיי נישט באשולדיגן אויף דעם וויאזוי זייער דאווענען קוקט אויס, אזויווי א שיכור וואס איז פטור צו דאווענען.

למעשה איז אבער אינטערסאנט. אויב דאס האט טאקע רבי אלעזר בן עזרי' געמיינט, אז ער קען נאר פטר'ן די וועלט פון 'דין תפילה', איז פארוואס האט ער זיך קודם אויסגעדריקט אז ער קען פטר'ן די גאנצע וועלט פון 'דין', אָן צו מפרש זיין זיינע ווערטער, וואס האט געמאכט אויסקוקן ווי גלייך ער וואלט געזאגט אז ער קען פטר'ן די וועלט פון אלע סארט דינים בכלל?

## דער הויפט קלאגע אינעם בית דין של מעלה

דער הייליגער טשערינער רב, אין זיין ספר ירח האיתנים (בתורה הזמנית - תורה ט') האט דערויף א וואונדערליכער ערקלערונג (וכעין זה מובא בדרשות חת"ס, ובעוד ספרים). וויבאלד אינ'אמת'ן, די גאנצע 'דין' וואס מען איז דן דעם מענטש אין ראש השנה און אזוי אויך אויף יענע וועלט נאך די הונדערט און צוואנציג, איז אלס ארום 'תפילה'!

דאס הייסט, מען נעמט אפיר דעם מענטש אויבן אין הימל, און מען פרעגט אים: פארוואס האסטו עובר געווען אויף אט די עבירה? איז אויב וועט ער ענטפערן: וואס זאל איך טון? איך האב זיך נישט געקענט מתגבר זיין, דער יצר הרע איז געווען אסאך שטערקער פון מיר.

וועט מען אים פרעגן: האסטו פרובירט כאטש צו בעטן?

אויב וועט ער ענטפערן - ניין! דאן וועט מען אים פאָרהאַלטן: אוודאי האסטו זיך נישט געקענט מתגבר זיין! פון וואנעט זאלסטו נעמען די כוחות דערצו? עס שטייט דאך "אלמלא הקב"ה עוזרו לא יוכל לו" - אָן דעם אייבערשטנס הילף איז נישט מעגליך ביייצוקומען דעם יצר הרע אפילו די מינדעסטע נסיון, און דאן וועט ער זיין אויף גרויסע צרות, מען וועט אויספירן אויף אים די אורטייל מיט די שארפסטע שטראפן.

ווידער אויב וועט ער ענטפערן: יא, איך האב אסאך געבעטן פונעם אייבערשטן, און טראץ דעם אלעם האב איך מיר אבער נישט געקענט ספראווען מיט מיין יצר, דאן וועט מען אים ריינוואשן פון שולד, ער האט דאך געטון דאס זייניגע וואס ער האט געקענט.

> **יא, איך האב אסאך געבעטן פונעם אייבערשטן, און טראץ דעם אלעם האב איך מיר אבער נישט געקענט ספראווען מיט מיין יצר, דאן וועט מען אים ריינוואשן פון שולד, ער האט דאך געטון דאס זייניגע וואס ער האט געקענט.**

## זי האט נישט געשריגן!

אט די געדאנק בעצם איז נישט קיין נייע אויסטרעף, מיר זעען דאס שוין קלאר אין די תורה געשריבן ביי די דין פון "נערה המאורסה" (כי תצא, דברים כ"ב). אין די תורה שטייט, אויב איינער צווינגט א 'נערה המאורסה' צו טון א עבירה, זאגט די פסוק, אויב איז דאס געווען אין א אפענע פלאץ, דאן דארף מען איר אויך באשטראפן. איי, פארוואס? יענער האט איר דאך געצווינגען, וואס איז זי שולדיג? זאגט די תורה: **"על דבר אשר לא צעקה"** - "וויבאלד זי האט נישט געשריגן!". די תורה האט צו איר א מורא'דיגע תביעה, זי וואלט געדארפט שרייען! אמת טאקע, דו האסט זיך נישט געקענט ארויסדרייען פון די גרויזאמע הענט פון יענעם געמיינעם פארשוין, אבער פון דעם וואס איך זע אז דו האסט נישט געשריגן, איז דאס א באווייז, אז אינעווייניג אין דיין הארץ ביסטו איינגעגאנגען צו דעם שמוציגן געשעפט!

ווידער, אויב איז די מעשה פארגעקומען ערגעץ אינדרויסן פון שטאט, דארט ווי מענטשן דרייען זיך נישט, זאגט די תורה: **"ולנערה לא תעשה דבר"** - באשטראפט איר נישט! פארוואס? וואס איז די חילוק? זאגט די תורה וויבאלד: **"צעקה הנערה... ואין מושיע לה"** - "זי האט געשריגן... קיינער האט איר אבער נישט געהערט, מען איז איר נישט געקומען צו הילף!" דערפאר איז זי ריין פון יעדע שטראף.

דאס זעלביגע איז אויך כלפי דער עיקר משפט מיט וואס מען איז דן דעם מענטש אינעם הייליגן 'יום הדין' אין ראש השנה! די וועג וויאזוי בית דין של מעלה איז מכריע די אורטייל איז נישט לויט די מעשים וואס דער מענטש האט אלץ אפגעטון, נאר לויט וויפיל ער האט מתפלל געווען דעם גאנצן פארלאפענעם יאר

## • מעט מן האור •

*ליקוטים מובחרים מתורתו של רביה"ק ותלמידיו בלשון קצרה ובסגנון קל, להחיות בהם נפש כל חי*

### ימי הרחמים והרצון

***עבודת ימי הרחמים והרצון***

מה שאלו הארבעים יום מר"ח אלול עד יום כיפור נקראים ***ימי הרצון***, כי אז עבודתנו להתגבר **ברצונות** חזקים וכיסופים גדולים להשי"ת. כי עיקר התשובה והחרטה הוא **הרצון**, שעכשיו **אינו רוצה** את העבירה כלל, ומתחרט ומתרצה: הלואי לא הייתי עושה את העבירה כלל! - שזהו רק רצון דקדושה!

*(ליקו"ה ערב ה"ג; ז', ל"ה)*

### ערב ראש השנה

***מה שנוהגין לילך בערב ראש השנה על קברי צדיקים***

כי עיקר עבודת הצדיקים בכל שנה בראש השנה, לעלות בעולמות גבוהים מאד ולהמשיך משם רחמים וחסדים חדשים ונפלאים על ישראל שלא נתגלו מעולם, באופן שיתעוררו ויתחזקו בתשובה לשוב אליו יתברך מכל מקום שהוא. אבל היות שאי אפשר לעלות כי אם ע"י ירידה מקודם (כמובא), אשר כל זמן אשר הצדיק היה חי בזה העולם היה עולה ע"י איזה בחינת ירידה לפי מדריגתו מקודם, אבל כשנסתלק מזה העולם ושם בעוה"ב אין שייך ירידה - היאך יכול לעלות? ע"כ כשבא אחד על קברו וצועק על ריבוי עוונותיו, אזי מוכרח הצדיק כביכול **להוריד** עצמו למקום ירידתו של זה האיש שבא על קברו להוושע שם (כי כבר הבטיח ש"אין שום ירידה בעולם שלא יוכל להעלותו משם!"), ע"כ דייקא ע"י האיש הזה שבא על קברו זוכה הצדיק אחר הסתלקותו לעלות ב**תכלית העליה** (בבחינת "ירידה תכלית העליה") להמשיך רחמי השי"ת ביום הדין!

*(ליקו"ה מתנה ה"ה, כ"א)*

### יום הדין

***קביעת יום הדין בראש חודש***

ממה שהשי"ת קבע לנו ראש השנה, שהוא יום הדין, בראש חודש, מזה אנו רואין גודל רחמנותו יתברך. כי בר"ח, אז כביכול הוא יתברך בעצמו מבקש כפרה (כמו שאחז"ל (שבועות ט.): "הביאו עלי כפרה על שמיעטתי את הירח"), ובזה פתח לנו פתח שלא נתבייש לבוא לפניו ביום הדין לבקש כפרה, מאחר שגם הוא יתברך בעצמו מבקש אז כפרה, מה שלולא זאת - איך היינו יכולים להרים את פנינו לפניו?!

*(ליקו"ת סי' א')*

***בכסה ליום חגנו***
***(תהלים פ"א, ד')***

איתא במדרש פליאה (מובא בזוהר שופטים ער"ה) וז"ל: **תקעו בחודש שופר בכסה ליום חגנו, תנא, איזהו חג שהלבנה מתכסית בו, הוי אומר זה ראש השנה. ואמאי מתכסית הלבנה? לפי שביום זה הקב"ה יושב על כסא דין ודן את העולם והשטן בא ומקטרג על ישראל ומזכיר עוונותיהם. ואומר לו הקב"ה הָבֵא עדים. והוא הולך ומביא את החמה ואומר לו הקב"ה "על פי שנים עדים יקום דבר", והולך להביא הלבנה והיא מתכסית ומבקש אותה ואינו יכול למצאה, ואז הקב"ה עומד מכסא דין ויושב על כסא רחמים וכו'**, עכ"ל.

וביאור הענין; כי **חמה** מרמז על **תורה** (כמו שפירוש רש"י על פסוק: "תחת השמש" בקהלת), **ולבנה** מרמז על **תפילה** (כי הלבנה בחינת מלכות, ומלכות היא בחינת דהמע"ה שאמר: "ואני תפילה"), והשטן רוצה להביאם שיעידו על מה שפגמו בהם. וכשמביא את התורה היא מוכרחת להעיד מה שפגמו נגדה. **ואומר לו הקב"ה: ע"פ שנים עדים**", והולך להביא התפילה, אבל **היא מתכסית ואינו יכול למצאה**. כי באלו הימים אז כל ישראל מרבים בתפילות ורצונות להשי"ת כל כך, עד שהתפילות עולים ומתכסים למעלה באין סוף, ולכן אין השטן יכול למוצאה כלל, ואזי **הקב"ה יושב על כסא רחמים**:

*(ליקו"ה מתנה ה"ה, ז'-י')*

### דבש

***מה שנוהגין לאכול דבש***

כי היתר אכילת **דבש** הוא בחינת **מי יתן טהור מטמא** (איוב י"ד, ד') כי יוצא ממין טמא (דבורה). להורות על תיקון התשובה ש**העוונות** נתהפכין **לזכיות, הטומאה לטהרה!**

*(דברים היוצאים מן החי ה"ד, מ"ה)*

### תקיעת שופר

***מה שתוקעין בשופר***

מה שתוקעין בשופר בר"ה, כי **עיקר התשובה ע"י שמחה**, וקול השופר הוא בחינת כלל כל עשרה מיני נגינה (בבחינת מה שמסיימין ה'עשרה הילולים' בתהלים שהם נגד 'עשרה מיני נגינה' ב"הללוהו בצלצלי תרועה") שהם כלל כל השמָחות!

*(ליקו"ה שבת ה"ז, מ"ו)*

עוד רמז ששופר בחינת שמחה, כי פסוק (תהלים קכ"ו): "אז ימלא **ש'**חוק **פ'**ינו **ו'**לשוננו **ר'**נה ראשי תבות **שופר**.

*(חיי מוהר"ן צ"ו)*

### מסדר התפילה

***כי עמך הסליחה למען תורא*** *(תהלים ק"ל, ד')*

כי ע"י שיודעין **כי עמך** יתברך **הסליחה** ובטוחין בחסדו תמיד שהכל יוכל להתתקן ולהתהפך לזכיות, ע"ז מקבלין היראה לטובה באופן שלא יתרחק ע"י היראה מהשי"ת ח"ו, וזהו: **למען תורא!**

*(ליקו"ה פסח ה"ט, י"ט)*

>>

**חדש עלינו שנה טובה**
*(אבינו מלכנו)*

**חדש** דייקא. כי עיקר קדושת ר"ה, שנזכה לתשובה שלימה אשר **עיקר התשובה הוא התחדשות**. היינו לחדש ימינו שעברו בחושך להוסיף מעתה תוספת קדושה ועבודה מחדש (בבחינת: "השיבנו ה' אליך ונשובה 'חדש' ימינו כקדם")

*(ליקו"ה שבת ה"ז, מ"ו)*

**בשמך יגילון כל היום**
*(תהלים פ"ט, י"ז)*

**ב**'שמך **י**'גילון **כ**'ל **ה**'יום ר"ת **בכיה**. כי עיקר מעלת הבכיה והחרטה כשהוא מחמת שמחה. שמרוב שמחתו בהשי"ת הוא מתחרט ובוכה על שמרד נגדו!

*(ליקו"מ קע"ה)*

**כי תפארת עוזמו אתה**
*(תהלים פ"ט, י"ח)*

כי עיקר ההתפארות שהשי"ת **מתפאר** בעם ישראל, הוא ב**עזות** והעקשנות - מה שמפילין אותו בכל פעם, והוא מתחזק עצמו ואינו מניח להפיל עצמו בשום אופן!

*(ליקו"ה ברכת המזון ה"ד, י"ב)*


# קול החבורה

**1646 585 2985**

שיעורים, שיחות חברים, אינטערוויוס, טועמיה, סיפורי התקרבות, מעשיות פון ציון, נייעס ועוד


צום אייבערשטן; רבונו של עולם, העלף מיר איך זאל מיך קענען מתגבר זיין אויף מיין יצר הרע, איך זאל ח"ו נישט דורכפאלן מיט קיין עבירות, איך זאל מיר קענען באהערשן בשעת א נסיון, א.א.וו. - נאר אין דעם שטעקט די גאנצע ווענדפונקט, צו דער מענטש איז יא שולדיג אדער נישט.

אויף יעדע באשולדיגונג וועט זיך אפשר דער מענטש קענען ארויסדרייען ביים בית דין של מעלה נאך זיין הונדערט און צוואנציג מיט אלע סארט גוטע אויסריידן, חוץ פון אט די באשולדיגונג: "דו וואלסט געקענט מתפלל זיין?!". אויף דעם וועט נישט זיין קיין שום תירוץ. די קשיא וועט בלייבן הענגען אין די לופט - פאטשנדיג אים אין פנים אריין, זיין פנים וועט פלאמען מיט אלע קאלירן פון גרויס בושה.

א מענטש וואס בעט אבער יא שטענדיג דעם אייבערשטן, ער וועט קענען זיין מער פארזיכערט. אויף אים וועט נישט זיין קיין שום טענה, ער האט דאך פרובירט צו טון דאס בעסטע וואס ער האט נאר געקענט.

אצינד פארשטייען מיר מיט דעם די באדייט, פארוואס דורכאויס די גאנצע ימי הדין פון די ימים הנוראים פון ראש השנה און יום כיפור קענען מיר דעמאלטס זען, אלע אידישע קינדער זיצן א גאנצן טאג פארזאמלט אין שוהל, פון גאר פרי ביז גאר שפעט נאכמיטאג/פארנאכטס, און אנדערש פון א גאנץ יאר, טוט מען נישט דעמאלטס גארנישט עפעס אנדערש ווי בלויז, דאווענען! מען זאגט א גאנצן טאג סליחות, פיוטים, תחנונים און בקשות, מזמורי תהלים, א.א.וו. - וואס הייסט, אויף דעם זענען מיר דאך אצינד די מערסטע אנגעוויזן, אויף תפילות! לויט דעם איז דאך ערווארטעט די אויסגאנג פון אונזער צוקונפטיגער יאר.

## די שייכות פון ראש השנה און תפילה

מיט דעם הייבן מיר שוין אויך אן עטוואס צו דערכאפן, מיט וואס די צוויי זאכן, ראש השנה און תפילה, האבן שוין איינמאל א שייכות צווישן זיך. וויבאלד טאקע דערפאר וואס די גאנצע זאך פונעם הייליגן רבי'ן איז תפילה, און אזוי אויך, די גאנצע דין אין ראש השנה דרייט זיך אלעס ארום תפילה, איז אוודאי וועגן דעם איז די גאנצע זאך פונעם הייליגן רבי'ן, ראש השנה. אזויווי איינס מיט איינס. און דעריבער איז דעמאלטס דער עיקר זמן אין וועלכע מיר, ברסלב'ע חסידים, נעמען זיך אלע צוזאם יאר יערליך, צו קומען צום הייליגן רבי'ן צו דאווענען צוזאמען, און זיך מחזק זיין און צו מחדש זיין אונזער גאנצע חיות און אלע אונזערע כוחות אין תפילה (כמובא בתורה ט').

## דער עיקר באדייט פון ממליך זיין דעם אייבערשטן!

אין די באוואוסטע הלכה איבער התבודדות (ליקו"ה ראש חודש ה"ה) גייט רבי נתן מער אריין אין די עומק איבער די פארבינדונג צווישן ראש השנה און תפילה. רבי נתן איז דארט מסביר, אז ווי באוואוסט איז אונזער גאנצע עבודה אין אט די הייליגע פארכטיגע טעג, צו ארויסהייבן די מלכות פונעם אייבערשטן און מגלה זיין דעם אייבערשטנס קעניגרייך אויף יעדע טייל פון די בריאה פון די גאנצע וועלט בכלל, און אזוי אויך אויף אונז זעלבסט, אז מיר אלע זאלן מקבל זיין 'עול מלכות שמים' אויף יעדע טייל פון אונזערע אלע גלידער בפרט, און בלויז אויף דעם ארויף זענען מער ווייניגער אויסגעשטעלט געווארן אלע תפילות וואס מיר בעטן דורכאויס די גאנצע דאווענען פון ראש השנה און יום כיפור, אז עס זאל שוין גענצליך באוואוסט ווערן און פארשפרייט ווערן אין די גאנצע וועלט אז נאר דער אייבערשטער, נאר ער איז דער מלך פון איין עק וועלט ביזן צווייטן.

אט די זאך, צו מגלה זיין די מלכות פועם אייבערשטן, זאגט רבי נתן, געשעט נישט אויף קיין שום אנדערן אופן, נאר דורך תפילה!

דוד המלך ע"ה, דער שפיץ, דער סימבאל, פון 'מלכות דקדושה', זאגט אין תהלים (ק"ט) "ואני תפילה", איך בין בלויז תפילה, וויבאלד די גאנצע מלכות פון דוד המלך, דער גרונדשטיין פון מלכות דקדושה, איז געוואנדן און באשטייט בלויז אויף תפילה; אין אנהייבן דאווענען און בעטן דעם אייבערשטן און איינערקענען אז מיר זעלבסט קענען גארנישט טון און מיר דארפן צוקומען צום אייבערשטן אויף יעדע טריט און שריט, וואס אט דאס אלס הייסט, מגלה געווען די מלכות פונעם אייבערשטן!

זעען מיר דא נאך א פונדאמענטאלער יסוד און פארגלייך צווישן ראש השנה און תפילה. וואס טאקע צוליב דעם קומען מיר ווילן אויף ראש השנה ביים הייליגן רבי'ן, וואס נאר ער איז דער וואס ווייסט גענוי וויאזוי אפצורעכטן אט די אלע געוואלדיגע הויכע תיקונים און צו פולקאם מגלה זיין די מלכות פונעם אייבערשטן דורך תפלה, אזויווי דער רבי אליין האט געזאגט אז **"דער אייבערשטער ווייסט, אז דאס וואס איך ווייס וואס ראש השנה איז, האב איך נישט באקומען בירושה פון מיינע עלטערן, נאר דאס האט מיר דער אייבערשטער געגעבן פאר א מתנה, אז איך ווייס וואס ראש השנה איז"** (חיי מוהר"ן ת"ה).

דערמיט איז פארשטענדליך די טערמין פון רבי נתן: **"די גאנצע וועלט שרייט המלך, אבער די קריינינצע** (די הכתרה) **איז אין אומין!"** (שיש"ק ג' קס"ח). וויבאלד, נישטא נאך אזא ארט אין דעם גאנצן פלאנעט אזויווי דעם הייליגן רבי'נס ציון, ווי מען קען זען זיך צוזאמקומען אזויפיל צענדליגער טויזנטערס מענטשן פון איבער די גאנצע וועלט פון אלע סארטן שיכטן און קרייזן, סיי די מער פרומערע סארט און סיי אזעלכע פארווארפענע ווייטע נשמות נעבעך, אויף איין פלאץ, וואס א מענטש ווען ער באַאָבאכט עס פון דער זייט, שטייט ער און ער שטוינט: רבוש"ע, וועלכער קונסטלער האט געקענט באווייזן צו צונויף-פאָרן און אהערצושטעלן אזא מייסטערהאפטיגן קאלירפולן בילד?!... און אלעס איז דא בלויז מיט דעם איינעם ציל: ממליך זיין דעם אייבערשטן! צו מתפלל זיין און זיך אויסגיסן דאס הארץ פאר'ן אייבערשטן: טאטע, מיר ווילן נאר דיר!... מיר ווילן נאנט ווערן צו דיר! מיר ווילן נכלל ווערן אין דיר! מיר ווילן זיין אמת'ע ערליכע אידן אזויווי דיין אמת'ע רצון איז!...

## א פונק פון משיח'ס צייטן

נאך א נקודה. מיר זעען אז א גרויס טייל פון די אלע תפילות וואס מיר זענען מתפלל אין די טעג איז באזירט אויף די גאולה פון לעתיד לבוא, אזויווי מיר בעטן: "וצמיחת קרן לדוד עבדיך ועריכת נר לבן ישי משיחך", און אזוי נאך אסאך תפילות. אזוי אויך ווערט געברענגט, אז די גאנצע מצוה פון שופר בלאזן איז מרמז אויף די "שופר של משיח". קומט אויס, אז א גרויסער חלק פון אונזער עבודה אין די טעג, איז צו ממשיך זיין א אור און א התנוצצות פון די גאולה העתידה לבוא, וואס לויט ווי רבי נתן שמועסט אויס איז דאס אלעס געוואנדן בלויז אין תפילה, אזויווי דער הייליגער רבי ברענגט אין ליקוטי מוהר"ן (תורה ב') **"כי עיקר כלי זיינו של משיח הוא תפילה!"**, דער געווער פון משיח, מיט וואס ער וועט איינעמען די גאנצע וועלט, וועט זיין נאר מיט תפילה!

אזוי אויך רעדט רבי נתן ארום אין א ברייטע שמועס אין ליקוטי הלכות (אונאה ה"ג), אז דער עיקר כח פון די גאולה העתידה אויף וואס מיר קוקן אזוי ארויס און מיר ווארטן דערויף יעדן טאג אז מיר זאלן שוין אויסגעלייזט ווערן אויף אזא סארט אופן אין וועלכע מיר זאלן שוין קיינמאל נישט נאכאמאל פארטריבן ווערן און דערווייטערט ווערן פונעם אייבערשטן, און אז מיר זאלן קענען זיין העכסט רואיג און גאראנטירט אז מיר וועלן זיך קענען האלטן אינעם אייבערשטן אין אלע סארטן מצבים, אט דאס אלעס, זאגט רבי נתן, וועט נאר צושטאנד געברענגט ווערן, דורך די געוואלדיגע מייסטער קראפט פון תפילה וואס וועט נתגלה ווערן ווען משיח וועט קומען! וויבאלד **"אין עמידה אלא תפילה"** - זאגן חז"ל (ברכות ו:). דאס הייסט, אט די כח צו קענען בלייבן **'שטיין'** און זיך האלטן פעסט אינעם אייבערשטן אין אלע סארט אומשטענדן, נעמט זיך נאר פון די כח התפילה.

האבן מיר דא פאר אונז, נאך א באדייטנספולע שייכות צווישן ראש השנה און תפילה. דאס טייטש, וויבאלד ראש השנה איז אונזער עיקר עבודה צו ממשיך זיין די אור פון די גאולה און דאס קען הויפטזעכליך נישט צושטאנד קומען נאר דורך תפילה, דערפאר זענען די צוויי געביטן, ראש השנה און תפילה, ממש געקניפט און געבינדן.

## דער עיקר קיבוץ

און אז מיר וועלן זיך אביסעלע גוט אומקוקן וועלן מיר באמערקן אז איבעראל ווי רבי נתן רעדט ארום איבער די געוואלדיגע הויכע ענינים וואס שפילן זיך אפ מיט יעדע נפש מער וואס קומט צו צום הייליגן קיבוץ פונעם צדיק, וועט ער עס אייביג אויסטייטשן אויף די ענין פון תפילה. דאס הייסט, דער עיקר פליכט פון יעדע ברסלב'ע חסיד זיך אנצושליסן אינעם רבי'נס הייליגן קיבוץ, און זיך האלטן צוזאמען מיט זיינע תלמידים, איז בעיקר געזאגט געווארן אויף די ענין פון תפילה. "דער עיקר קשר און די קיבוץ איז ווען מען נעמט זיך צוזאם צו די קדושה **צו דאווענען מיט כוונה** און אפירזוכן תחבולות און עצות זיך צו דערווייטערן פון עבירות" - דריקט זיך רבי נתן אויס אין ליקוטי הלכות (פריה ורביה ה"ה, ז'). און לויט ווי עס שמעקט פון די רייד פון הגה"ק רבי נחמן טשערינער זצ"ל (בפרפראות לחכמה תורה ח' תנינא) איז דער עיקר זמן דערצו, ביים הייליגן רבי'נס ראש השנה.

דערפאר לאמיר איצטערט טאקע אנהייבן זיך צו מחזק זיין איינער דעם צווייטן, און זיך שטארקן מיט די אויסטערלישע געוועער פון תפילה, צו דאווענען מיט אלע כוחות מיט א חיות און מיט א ברען, און דערמיט צוריק מחזיר זיין 'את העטרה ליושנה', איבערהויפט, יעצט דא, זיך געפונענדיג ביים הייליגן רבי'נס קיבוץ אין ראש השנה. דורכדעם וועלן מיר זיכער זוכה זיין צו א גמר חתימה טוב צו א גוט געבענטשט יאר, און אינגיכן וועלן מיר זען באשיינפערליך מיט אונזערע אויגן "ועינינו תראנה מלכותך", בב"א.

**אלעס איז דא בלויז מיט דעם איינעם ציל: ממליך זיין דעם אייבערשטן! צו מתפלל זיין און זיך אויסגיסן דאס הארץ פאר'ן אייבערשטן: טאטע, מיר ווילן נאר דיר!... מיר ווילן נאנט ווערן צו דיר! מיר ווילן נכלל ווערן אין דיר! מיר ווילן זיין אמת'ע ערליכע אידן אזויווי דיין אמת'ע רצון איז!...**



# מיין ערשטע ראש השנה: אומין שנת תרע״ה

שמואל אראן

**איינער** אליין, טוט זיך א יונגער בחור׳ל מוטשענען אנצוקומען צו דעם וויטן שטאט אומין. דער בחור׳ל, שפרייזט דורך שטאט נאך שטאט, אונטער שווערע מלחמה אומשטענדן וועלכע באלאגערן דעם גאנצן אייראפעישן קאנטינענט, אלעס מיטן בלויזן ציל: צו דערגרייכן די ד׳ אמות פונעם ציון פונעם הייליגן רבי׳ן רבי נחמן מברסלב זי״ע.

דער בחור׳ל, מיטן נאמען לוי יצחק בענדער, וועלכע וועט פילע יארן שפעטער פארוואנדלט ווערן אין איינס פון די וועלכע טוען ווייטער שפינען דעם לאנגען קייט, אויף וועלכע דער הייליגער רבי האט פארזיכערט "מיין פייערל וועט שוין טליען ביז משיח וועט קומען", האט דאן נאכנישט געוואוסט אויף ווי ווייט דער באזוך וועט אים טוישן זיין לעבן, אבער אט דאס יאר, תרע״ד, אין וועלכע ער האט צום ערשטן מאל געמאכט דעם לאנגן וועג פון פוילן קיין אוקראיינע, האט אים עווענטועל געעפענט נייע טויערן אין עבודת השם, ווערנדיג א פייעריגער ברלסב׳ער חסיד.

פינף-און-צוואנציג ראש השנה׳ס! האט ר׳ לוי יצחק בענדער ע״ה אפגעראכטן ביים ציון המצויינת פונעם רבי׳ן, אבער אין דעם ארטיקל ווען מיר זיך הויפזעכטליך באציען צו די ערשטע ראש השנה וועלכע רבי לוי יצחק ז״ל האט מיטגעהאלטן אין אומין, אין יאר תרע״ה, די טיפע איינדרוקספולע רושם וואס דאס האט געלאזט אויף אים און אים גענצליך באנומען, לויט ווי ער זעלבסט פלעגט דאס שילדערן דורכאויס די שפעטערע יארן.

## פארוואַנדלט די גאַנצע ישיבה פאר ברסלב׳ע חסידים

אלעס האט זיך אנגעהויבן ווען רבי לוי יצחק האט דאן געלערנט אין ישיבה אין די שטאט מאקאווע אין פוילן. אין יאר תרע״ד, אין די זוממער, איז אריינגעקומען אין ישיבה א נייער בחור. דער בחור איז געווען א באַחן׳טער און מיט א איידעלער געשטעל, מיטן נאמען ׳איציקל אָטוואָצקער׳ פון לאדזש, זייענדיג אינגאנצן בלויז זעכצן יאר אלט.

איציקל איז געווען א אומגעוועגליכער בחור, ער איז געווען א אינגל א קאפ, א בעל מח, מיט א למדן, אלע האבן געהאט פאר אים התפעלות! אפילו די ישיבה איינגעשטעלטע! ער איז געווען יונגער פון ר׳ לוי יצחק, און א ברסלב׳ער חסיד! ער האט זיך אויסגעצייכנט אין תורה, עבודה און גמילות חסדים. עקסטער האט פארנומען ביי אים א גרויסער ארט זיינע תפילות וועלכע ער האט אפגעראכטן מיט א געוואלדיגע השתפכות הנפש, אריינגעמענדיג זיינע ארומיגע אין א ברען צום דאווענען.

טראץ זיין יונגן עלטער האט ער בליץ שנעל באוויזן איבערצונעמען אלעמען, און ביז א קורצער צייט האט ער אנגעהויבן אריינצושיינען צווישן די בחורים דעם גרויסן אור פונעם הייליגן רבי׳ן, ווען אין א גאר קורצער צייט-אפשניט האט ער פארוואנדלט די גאנצע ישיבה אין א פולקאמער ברסלב׳ער ישיבה.

איציקל איז געווען אין אומין דעם יאר פורים, פון ווי ער האט געשילדערט פארן עולם איבער די געוואלדיגע עבודות וועלכע עס דערקענט זיך ביי אונזערע לייט אינעם שטאט, אריינברענגענדיג א קאך און ברען ביי אלעמען דאס זעלבסט בייצוגעוואוינען. חוץ פון איינעם אין ישיבה ביי וועם איציקל האט אדערווייל נישט גענצליך באוויזן איבערצודרייען און אריינצוברענגען אין אים דעם פלאם פונעם רבי׳ן. דאס איז געווען רבי לוי יצחק זעלבסט.

## מניעות צו ערוועקן די חשק

ווען די זוממער חדשים האבן אנגעהויבן קומען צו א ענדע, האט זיך אנגעצינדן ביי רבי לוי יצחק א ברען אז ער וויל זיין אין אומין אויף ראש השנה! דאס געדאנק צו ווילן ראש השנה אין אומין פאר אזא איינער ווי רבי לוי יצחק איז געווען מאדנע און פרעמד אלס איינער וואס האט זיך קיינמאל נישט בעפאר אידענטעפיצירט אלץ א ברסלבער חסיד...

ווען ער האט ארויפגעברענגט פאר זיין טאטן אז ער האט א קלער צו רייזן דעם ראש השנה קיין אומין, האט ער זיך קאטאגאריש קעגנגעשטעלט, אבער רבי לוי יצחק האט גאר שנעל אנערקענט אז די וועג צו ערוועקן די חשק צו א הייליגע מצוה איז דורכ׳ן צוברעכן די מניעות. און דער זעלבער צייט איז די אייראפעאישער ערד איינגעהילט געווארן אין העלישע פלאמען, ווען די ערשטע וועלט מלחמה האט דאן אויסגעבראכן אום ז׳ אב תרע״ד, פילפאכיג פארשווערנדיג דאס רייזן ארום לענדער.

## איבערגעפילטע סטאנציעס

רבי לוי יצחק האט זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג, און נאך א קורצע ווילע האט ער דערגרייכט די הויפט שטאט פון פוילן, ווארשע. אין ווארשע האט אים אנגעכאפט א שרעקליכער שוואכקייט וועלכע האט באנומען זיין גאנצער קערפער, אים צווינגענדיג זיך אפצושטעלן אינמיטן די נסיעה. אין ווארשע האט ר׳ לוי יצחק געהאט א עלטערע ברודער, א גרויסער עושר, וועלכער וואלט אים גערן אריינגענומען צו זיך אין שטוב אריין און אים צוגעשטעלט אלע באדערפענישן, אבער רבי לוי יצחק האט געוואוסט ביי זיך אז אויב ער וועט באווייזן זיין פנים פאר זיין ברודער וועט ער שוין מער נישט קענען פארזעצן זיין רייזע, ער וועט פרואוון אלע מיטלען דאס אפצוהאלטן פון אים.

נישט האבנדיג קיין אנדערן אויסוואהל האט ער זיך געוואנדן צום שטוב פון ר׳ יצחק גרשון בארזעסקי, דער פאטער פון ר׳ יעקב זאב, וואס האט געוואוינט אין ווארשע, דארט האט ער געהאט די מעגליכקייט טיילווייז צו קומען צו די כוחות.

א העכערע פלאם האט זיך אנגעצינדן אין אים, וועלכע האט אים צוגעצויגן מיט א דירעקטע שטריק, אים מיט דעם ציון הקדוש אין די שטאט אומין, און טראצדעם וואס רבי לוי יצחק זעלבסט האט נישט פארשטאנען וואס עס קומט פאר מיט אים און פארוואס ער נעמט אונטער אזא געפארפולע רייזע טראץ די קעגנערשאפט פון זיין טאטע און די שווערע מלחמה וואס ברענט אויפן גאנצן ארום, ווי אויך, אז ער איז קיינמאל פארדעם נישט געווען אט די נאטור צו גיין טון אזעלכע געוואגטע ווילדע שריט, האט זיין הארץ אים נישט געלאזט רוען, אים ברענגענדיג נענטער און נענטער צום קוואל פון וועלכער ער וועט פאר לאנגע יארן שעפן פון די קוועלעדיגע וואסערן, און אין פילע יארן ארום וועט ער עס ווייטער אנגיסן פאר די פילע צוהערער וועלכע וועלן שלינגען מיט דארשט יעדעס ווארט זיינער...

אנקומענדיג צום באן סטאנציע האט זיך אנטפלעקט אן אומגערישטער ספעקטאקל. די גאנצע סטאנציע איז געווען איבערגעפילט מיט




טויזנטער מענטשן וועלכע האבן באלאגערט דעם פלאץ, צווישן זיי פילע מיליטער לייט וועלכע האבן זיך געיאגט צום פראנט. ווען עס האט זיך דערהערט דעם לאנגן-אויסגעצויגענעם פייף, וואס האט אנגעזאגט אז א באן טוט זיך דערנענטערן צום סטאנציע, האבן אלע אויפגעשפרינגען מיט האפענונג אז אפשר דאס מאל וועט זיי יא דאס מזל צושפילן זיך צו קענען ארויפדערזען אויף א באן, אבער דאן האט זיך איבערגע'חזר'ט דעם זעלבן בילד ווי ביים פאריגן באן: דער באן איז געווען איבערגעפילט מיט טויזנטערס מענטשן, ווען פילע הענגען פון די פענסטער און דעכער, נישט ערמעגליכנדיג אן ארט אפילו פאר א נאדל.

די אורזאך פונעם איבערפלוס פון מענטשן איז געווען צוליב דעם וואס פילע טויזנטער האבן זיך געוואלט פאראייניגן מיט זייערע פאמיליעס אין די צייטן פונעם מלחמה אויסברוך, מורא האבענדיג אז טיפער אריין אינעם קריג וועלן זיי ווערן גענצליך אויסגעשאלטערט פונעם גאנצן לאנד, און עס וועט נישט זיין מעגליך צו פארן סיי ווי. אבער רבי לוי יצחק האט געבענקט סאך מער ווי בלויז צו פאמיליע... זיין אינערליכער הארץ האט געבענקט צום קוואל...

זעענדיג אז עס איז נישט מעגליך אפילו נאנט צו קומען צום באן וועלכער פארט פוןווארשע קיין לובלין – וואס ער האט געדארפט נעמען אויפן וועג אנצוקומען קיין אומין – האט ער זיך ארויפגעכאפט אויף א קלענערע באן וועלכער פארט צו דעם דערנעבענדיגן שטאט אַטוואָצק, מיטן פלאן אז אפשר וועט דארט זיין די אנלייגעניש עטוואס מילדער ווי אינעם הויפטשטאט ווארשע, און עס וועט זיין לייכטער זיך ארויפצוכאפן אויפן צענטראלער באן וואס פארט פון ווארשע קיין לובלין.

זעענדיג פונדערווייטנס ווי דער צענטראלע באן דערנענטערט זיך, האט זיך רבי לוי יצחק געגרייט ארויפצושטייגן אויפן באן. אבער ווי ערשיטערט איז ער געווארן ווען ער האט געזען אז טראצדעם וואס די באן פארלאנגזאמט איר טעמפא, פלאנט ער אבער זיך נישט אפצושטעלן ביים אטוואצקער סטאנציע, וויבאלד די באן איז איבערגעפילט מיט אזויפיל טויזנטער מענטשן. אבער דאן האט אויפגעבליצט א געדאנק ביי אים אין קאפ, און פלינקערהייט האט ער אריינגעווארפן זיין קליינע רענצל - אין וועלכע ער האט איינגעפאקט די לעבנס וויכטיגע באדערפענישן - אינעם פענסטער פונעם באן. ווען איינער פון די רייזנדע אויפן וואגאן האט באמערקט אז זיין רענצל איז אינעווייניג, האט ער שנעלערהייט ארויסגעשטרעקט א האנט צו רבי לוי יצחק און אים אריינגעשלעפט אינעם באן דורכן שמאלן פענסטער.

אנקומענדיג קיין לובלין האט ער געוואנדן זיין טריט צום ברסלבע'ר שטובל ווי ער האט געטראפן פילע פון אונזערע לייט, ווען פילע האבן אים געזאגט אז ווי עס קוקט אויס וועלן זיי ווארשיינליך זיך נישט קענען באטייליגן ביים היי-יעריגן קיבוץ, צוליב דעם שווערן מצב אויף די וועגן. אויך אינעם דארטיגן ברסלב'ן שולכ'ל האבן אים די מניעות נישט איבערגעהיפט, ווען פילע האבן אים פרובירט אפצורעדן פון אונטערנעמען אזא ריזיקאלישע נסיעה אין אזעלכע שווערע צייטן... אבער די מניעות האבן בלויז געטון פארשטערקערן זיין ווילן און עקשנות צו דערגרייכן דעם ציל.

## מען קומט שוין נענטער - אין פולנאה

אינעם באן סטאנציע אין לובלין האט געהערשט די זעלבע כאאס ווי אין ווארשע. פילע משפחות האבן באלאגערט דעם גאנצן ארום, ארומגענומען מיט זעק און פעק האפנדיג צו קענען דערגרייכן זייערע היים-שטעט און זיך פאראייניגן מיט זייערע פאמיליעס. מענטשן האבן זיך ממש איינקווארטירט אינעם סטאנציע, און געוואוינט דארט פאר טעג און וואכן, פרובירנדיג זיך ארויפצוכאפן אויף איינס פון די דורכפארענדע באנען, אבער אן ערפאלג.

רבי לוי יצחק וועלכע האט שוין געהאט ערפארונג פון די פריעדיגע רייזעס, האט אויך דאסמאל איבערגעשפילט דעם זעלבן טאקטיק, און ווען א באן האט דערגרייכט די סטאנציע האט ער פלינקערהייט אריינגעשטופט זיין האנט מיט זיין טאשקע אין איינס פון די פענסטערס, און וואונדערליכערהייט האט אים א האנט פון אינעווייניג אריינגעשלעפט אינעם וואגאן... ווארשיינליך איז עס נישט געווען א בלויזער האנט פון בלוט און פלייש... עס איז ליבערשט געווען א האנט פון אויבן וועלכע האט זיכער געמאכט אז דאס בחור'ל דערגרייכט זיין ציל וואס וועט אים עוונטועל טוישן אויף אייביג.

פון לובלין האט די באן גערייזט קיין קאָווע, ווי ער האט דערגרייכט דאנערשטאג. אבער דא האט זיך אנגעפאנגען א נייע מסכת פון יסורים און מניעות. דאס ביסל געלט וואס רבי לוי יצחק האט פארמאגט מיט זיך האט זיך גאר שנעל אויסגעלאזט... נישט האבנדיג קיין געלט מיט וואס איינצוהאנדלען קיין רייזע בילעט, איז ער ארויף אויפן באַן אָן קיין בילעט, ביז דער קאנדאקטאר האט אים געכאפט און אראפגעווארפן פונעם באן.

ער האט זיך אבער תיכף אריענטירט, און האט געשווינד געשפאנט זיינע טריט צום נעקסטן וואגאן, ווי ער האט זיך שנעל איינקווארטירט אין א זייטיגן ווינקל, האָפנדיג אז דער קאנדאקטאר וועט אים נישט באמערקן, אבער ערגעץ ווי אינמיטן וועג איז ער געכאפט געווארן, און ביים קומענדיגן סטאנציע, אין פולנאה, איז ער ווידער אראפגעווארפן געווארן פונעם באן, און דאסמאל האט ער זיכער געמאכט אז רבי לוי יצחק מאכט נישט זיין וועג צוריק ארויף אויפן נעקסטן וואגאן.

ערב ראש חודש אלול האט רבי לוי יצחק דערגרייכט קיין פולנאה, ער האט געזאגט דעם ערב יום כיפור קטן דארט אויפן פלאץ, אין די שטאט ווי עס ליגט באערדיגט דער גרויסער צדיק הרה"ק דער תולדות יעקב יוסף זי"ע, ווי רבי לוי יצחק האט געוואלט באזוכן, אבער צוליב זיין גרויסער יאגעניש צו קענען ענדגילטיג אנקומען קיין אומין, האט ער נישט געקענט פארטאכלעווען קיין איבריגע מינוט, און גלייך זיך געוואנדן צום באן סטאנציע, צו קענען כאפן ווייטערדיגע באנען ביזן דעסטינאציע – און אלעס אָן קיין פיאסטער אין טאש...

## א שבת אין בארדיטשוב צווישן די טויטע חסידים

פרייטאג צופרי האט רבי לוי יצחק דערגרייכט די שטאט בארדיטשוב, מיטן פלאן צו ווייל[ן] דארט איבער שבת. נישט וואוסנדיג וואו צו ווענדן זיינע קומענדיגע טריט, האט ער אפגעשטעלט א דורכגייער אויפן גאס, פרעגנדיג ווי ער קען טרעפן די ברסלבער חסידים.

"ברסלב'ע חסידים?", קוקט אים יענער אן מיט פארגלייזטע אויגן, "אה, איר מיינט זיכער די טויטע חסידים... זייער שטיבל איז ביים אלטן בית החיים", האט ער אויסגעפירט אים צואווייזנדיג די גענויע נעוועגאציע ביזן בית החיים.

אריינשטעלנדיג זיינע ערשטע טריט אינעם שטיבל האט אים ארומגענומען א שוידער. דאס פלאץ האט ענדערש אויסגעזען ווי א פארוואגלטע כאטקע, ווי איידער סיי וואס וואס האט שייכות צו א בית המדרש. איין קליינע פענסטער'ל האט געהאט א גראדע אויסקוק צום קבר פון רבי ליבער הגדול, וועלכער האט לויט געוויסע לעגענדעס ערמעגליכט דעם שטאט בארדיטשוב אלס אן עיר ואם בישראל.

זעענדיג דעם מצב אין שטיבל, האט ער גלייך פארשטאנען פון איבער וועלכע חסידים די רעדע איז, דאס ארימקייט אינעם פלאץ איז בלויז געווען א אנדייטונג איבער די ארימעלייט וועלכע זענען די פארוואלטערס אויפן פלאץ. דארט אינעם שטיבל האט ער צום ערשטן מאל באגעגנט ר' אברהמ'לע, דער קוימען קערער פונעם שטאט, וועלכער פלעגט זיך שטענדיג ארומדרייען מיט אן אויסגעדראשענעם בעזעם מיט וועלכע ער פלעגט ארומגיין קערן די קוימענס אין שטאט, ווערנדיג צוגעווארפן מיט אפאר ארעמע פיאסטערס. אבער דאס אלס האט זיך געענדיגט ווען ר' אברהמ'לע האט צוגעטרעטן צום סידור'ל פרייטאג צונאכטס, ווען ער האט זיך גענומען אויסגיסן דאס הארץ צום אויבערשטן מיט פארטייבנדע קולות, ווי אלץ איינע פון די גרויסע שרפים אין אומין.

שפעטער האט זיך באוויזן דער באוואוסטער חסיד רבי ברוך בארדיטשוב'ער, דער פאטער פון רבי יוחנן גאלאנט, ביי וועמען רבי לוי יצחק האט געגעסן די סעודת שבת אינדערפרי.

דאס דאווענען אינעם ארעמען שטיבל האט אפגעדינערט ווי א דאווענען פון די גרעסטע עובדים, מיט א אייגנארטיגע זיסקייט און געשמאק, עפעס וואס איז געבליבן איינגעקריצט אין די ביינער ביי רבי לוי יצחק פאר לאנגע יארן, דינענדיג אלס זיין ערשטער באגעגעניש מיט א ברסלב'ע דאווענען ביי די אוקריינישע חסידים.

זעענדיג די מצב פון די חסידים אין בארדיטשוב, האט ער פארשטאנען אז דא געפינט זיך נישט קיינער ביי וועם ער קען בעטן אז ער זאל אים ארויסהעלפן מיט געלט צו קענען פארזעצן מיט זיין רייזע קיין אומין, און ער איז געצווינגען געווארן ווייטער פארצוזעצן

דאס אלס האט זיך געענדיגט ווען ר' אברהמ'לע האט צוגעטרעטן צום סידור'ל פרייטאג צונאכטס, ווען ער האט זיך גענומען אויסגיסן דאס הארץ צום אויבערשטן מיט פארטייבנדע קולות, ווי אלץ איינע פון די גרויסע שרפים אין אומין

אויף זיינע ביז-יעצטיגע מעטאדן פון זיך מיטכאפן מיט א באן פון איין סטאנציע ביזן קומענדיגן, ווי ער וועט ווידער אראפגעווארפן ווערן פונעם באן, נישט פארמאגנדיג קיין בילעט.

## איך קען אים, כ'ווייס ווער ער איז

אנקומענדיג קיין קאזאטין, א שטאט וועלכע ליפט דורך צווישן קיעוו און אָדעס, האט ער באגעגנט אן אינטערסאנטער אידל, אויסקוקנדיג היפש מאדנע. דער איד פרעגט אים וואו ער פארט, און אויפן ענטפער פון רבי לוי יצחק אז ער גייט קיין אומין, האט זיך באוויזן א קענטליכער שמייכל און צופרידנהייט אויפן געזיכט פון דעם איד'ל. "אה, איך פאר אויך קיין אומין, איך האף אז דו קומסט זיך באטייליגן ביים גרויסן קיבוץ ביים הייליגן קבר פונעם רבי'ן"...

רבי לוי יצחק האט זיך געפרייט צו הערן אז כאטש פארמאגט ער א באגלייטער אויפן וועג, אבער אינעם זעלבן צייט איז ער געווען היפש באזארגט איבערן וואוילזיין פון זיין מאדנע ניי-געווארענעם חבר וועלכער האט געצייגט צו זיין עלטער פון אים מיט צענדליגער יארן, אבער דער איד האט ארויסגעוויזן גרויס אהבה און קירבה צו דעם יונגן בחור'ל. ווען רבי לוי יצחק האט אים געזאגט אז ער פארמאגט נישט קיין געלט מיט וואס ממשיך צו זיין מיטן רייזע, האט דער איד אויסגעזען גאנץ באקוועם מיט די סיטואציע, און בלויז אנגעוויזן אז ער זאל אים נאכטון.

מיט זיכערע טריט נייגט ער – ווען אונטער אים שפאנט רבי לוי יצחק מיט היפש פארלוירענע טריט – צום אנקומענדיגן באן. ער געבט זיך א שטופ אריין צווישן די פארנדע, און פלינקערהייט ציהט ער זיך אויס אונטער א באנק אויפן וואגאן... זעענדיג אז רבי לוי יצחק קווענקלט נאך איבערן געוואקטן אקט, האט ער אים שנעל געגעבן א שלעפ צו זיך "קום אהער, דא איז זייער באקוועם, מען קען ליגן אונטערן באנק ביז דער קאנדאקטאר וועט דורכגיין דעם וואגאן. זעט אויס אז אין אוקריינע איז עס נישט געווען קיין זעלטענער ערשיינונג, און האט ניטאמאל געצויגן צופיל איבריגע אינטערעסע ביי די מיטפארענדע.

אזוי ליגנדיג אונטערן באנק, פרובירנדיג זיך צו באקוועם מאכן אויפן בעסטן אופן וואס שייך, האט רבי לוי יצחק אנגעהויבן פירן א באטע'מטן שמועס מיט דעם מאדנעם איד'ל, און זעענדיג אז ער איז א דורכגעווייקטער ברסלב'ער חסיד, האט ער אים אנגעהויבן אויספרעגן איבער זיין באקאנטשאפט מיט פילע חסידים, אויף וועלכע רבי לוי יצחק האט שוין פריער געהערט פון זיין חבר, איציקל אטוואצקער. אזוי שמועסנדיג דערמאנט ער זיך אז איציקל האט אים אמאל פארציילט איבער א חסיד

**ווען די סימנים האבן אנגעהויבן צייגן אז אט אט דערגרייכט מען שוין דעם ציהל, האט זיך דער עולם ארויסגעלאזט אין א ספאנטאנישן טאנץ, ארומגענומען מיט א העכערע געפיהל איבערן שטאט צו וועלכן מען דערגרייכט, - אויף וואס מיר האבן דעם זכיה צונעמען א חלק דערין.**

מיטן נאמען רבי בנציון אפטער, אדער ווי מען האט אים דאן גערופן 'דער אפטער', וועלכער מאכט שטענדיג פרייליך אלע זיינע ארומיגע... דער איד פארקנייטשט זיין שטערן, און רופט זיך אן ערנסט, "איך קען אים, כ'ווייס ווער ער איז"... בלויז אנקומענדיג קיין אומין איז רבי לוי יצחק געוואויר געווארן אז זיין באגלייטער איז געוועז נישט קיין צווייטער ווי דער חסיד רבי בנציון אפטער זעלבסט...

## חודש אלול אין אומין

קיין עקסטערע גרויסע רצונות און כיסופים האט רבי לוי יצחק נאך דעמאלטס נישט פארמאגט, אבער פון הימל האט מען אים געפירט פונעם ווייטן פוילן ביז צו זיין ענדגילטיגע רייזע. ווי ער זעלבסט פלעגט דאס שילדערן: דער אויבערשטער האט אזוי צוגעפירט - ס'איז פארהאן אמאל איינער וואס האט נישט קיין הארץ, ער האט נישט קיין רצון, ביי מיר איז אזוי געווען! מיין פארן ביי מיר איז געווען עפעס גראד פון הימל, איך האב גארנישט געהאט אזא מין תשוקה - איך זאל זיך מוסר נפש זיין!... פון הימל האט מען מיר געשטופט!

אנקומענדיג קיין אומין האט ער שוין געפינען עטליכע פון זיינע חברים מיט וועלכע ער האט געלערנט אין ישיבה, א שטייגער ווי רבי ישראל כהן און רבי משה טשענסטאכאוו'ער. די אנדערע עלטערע חסידים וועלכע זענען געקומען צום קיבוץ הק' זענען נאכנישט אנגעקומען אזוי פרי אינעם חודש, אבער אין די קורצע פאר וואכן האט רבי לוי יצחק אנגעיאגט זיך צו טיילוויז באקענען מיט די חסידים וואס האבן געוואוינט א גאנץ יאר אין אומין, א שטייגער ווי רבי שמשון בארסקי ז"ל און נאך פילע אנדערע.

דער חודש אלול האט פיל געווירקט אויף רבי לוי יצחק זיך באקענענדיג מיט די עלטערע חסידים, און מיטהאלטנדיג פונדערנאנט די עבודות וואס זענען אנגעגאנגען דורכאויס דער חודש, די בכיות און תפילות וואס זענען אפגעראכטן געווארן ביים ציון, אריינגערעכנט די עבודה פון חצות, די דערהויבענע תפילות וועלכע זענען גדאווענט געווארן, די שיעורים און שמועסן מיט די העכערע חסידים וועלכע האבן בלויז געאטעמט דעם הייליגן רבי'ן פיר-און-צוואנציג שעה א מעת לעת.

## מען דארף וואוינען אין ארץ ישראל און פארן קיין אומין

טיפער אריין אינעם חודש, בערך ט"ו אלול, איז אנגעקומען דער גרויסער חסיד רבי אברהם ב"ר נחמן. רבי אברהם איז געפארן וואוינען אין ארץ ישראל אין יאר תרנ"ד, אלט-זייענדיג פינעף-און-פערציג יאר. דורכאויס די קומענדיגע צוואנציג יאר איז ער יאר יערליך געקומען צו פארן דעם לאנגן אויסגעמאטערטע וועג פון ארץ ישראל קיין אומין, רייזענדיג איבער ימ'ען און קאנטינענטן.

רבי אברהם איז געווען א שוואכער מענטש, זייענדיג נישט געזונט און גלייכצייטיג נישט פארמאגט קיין איבריגע פיאסטער אין טייסטער, אבער מיט אן אומגלויבליכער מסירות נפש האט ער פאר גאנצע צוואנציג יאר אונטערגענומען דורכצומאכן דעם שווערן רייזע, פארלאזנדיג ארץ ישראל אנהייב זוממער קיין פוילן ווי ער איז אריבער געפארן איבער פילע שטעט, אויפפלאקערנדיג אידן צום אייבערשטן און זיי דערציילן איבער די גרויסקייט פונעם רבי'ן און איבער זיינע תורות, ביז ער האט דערגרייכט דעם עיר הגעגועים, אומין. אט דאס אלעס איז אזוי אנגעגאנגען ביז צום יאר תרע"ה. דאן האט אבער אויסגעבראכן די ערשטע וועלט קריג, וועלכע האט אים נישט ערלויבט זיך אומצוקערן קיין ארה"ק, ער איז שוין פארבליבן אין אומין ביז צו זיין פטירה ערב ראש חודש טבת תרע"ח, ווערנדיג באערדיגט אינעם נייעם בית החיים אין אומין.

רבי לוי יצחק האט נאך דאן נישט געקענט רבי אברהם, אבער דאך האט ער אינאכט גענומען די געוואלדיגע הערצה וואס אלע האבן געהאט צו אים, און די גרויסע שמחה וואס האט זיך אפגעטוען ווען רבי ארבהם איז ענדליך אנגעקומען, נאכן אפרייזן דעם לאנגן רייזע פון ארה"ק.

אן אינטערסאנטער אנעקדאט האט רבי לוי יצחק באמערקט ביי רבי אברהם'ן, ווי ער האט געהאט א פונקטליכער חשבון איבער יעדעס איינציגסטער חסיד וואס איז געקומען צום קיבוץ אויף ראש השנה, און האט יעדעם אויפגענומען מיט א פרעזענליכע 'שלום עליכם' ווי כאילו בלויז אויף אים האט ער ארויסגעווארט, און בלויז אים צו זען האט זיך שוין אויסגעצאלט זיין גאנצער נסיעה ביז צום ווייטן אומין.

אין איינס פון די טעג איז אנגעקומען אן עלטערער אידל, מיט א זעקל אויפן פלייצע, איינהאלטנדיג זיין גאנצע האב און גוטס – ווי די טלית און תפילין און א בלויזער העמד זיך צו קענען איבערטוישן לכבוד יום טוב –און ווען רבי אברהם האט אים באמערקט איז ער גלייך אויפגעשפרינגען צו אים, "ווי זענט איר געווען פאריאר", איז רבי אברהם געווען פאר'דאגה'ט.

דער איד, וועם דער מערהייט פון חסידים האבן אים ניטאמאל געקענט, איז געווארן פארלוירן און אים געענטפערט א אורזאך פארוואס ער האט זיך נישט געקענט באטייליגן פאריאר ביים קיבוץ. אבער רבי אברהם האט נישט נאכגעלאזט, און האט אים פארגעהאלטן זאגנדיג אז "דאס איז אן אבידה שאינה חוזרת"!.

שפעטער איז רבי רבי לוי יצחק צוגעגאנגען צו רבי אברהם און אים געפרעגט ווער דער איד איז, אויף וואס ער האט אים דערציילט אז ער איז אריגינעל א טירהאוויצע'ר, און וואוינט היינט אין אלכסנדראווקע, דאס שטאט ווי דער רבי האט געוואוינט פאר א צייט-אפשניט זייענדיג סמוך על שולחן חותנו (כוכבי אור אנשי מוהר"ן אות כ"ו), נעבן טשעהרין, און דער איד האט נאך גוט קענען געדענקט רבי נתן אלץ קינד.

## א פריוואטער טשארטער באן...

די באן סטאנציעס איבער אוקראיינע זענען אין די טעג און וואכן פאר ראש השנה איבערגעפולט געווארן מיט הונדערטער ברסלב'ע חסידים, ווען אלע האבן פאר זיך דעם בלויזן ציל: אומין. מען איז געקומען צו פארן פון די גרעסערע ברסלב'ע-באוואוינטע שטעט, א שטייגער ווי ברסלב, טשעהרין, טולטשין, בארדיטשוב און טעפליק, און פון נאך פילע שטעט און דערפער אויסגעשפרייט איבער אוקראיינע, ביז צו די ווייטע שטעט אין פוילן.

פון פוילן האט זיך ארויסגעלאזט א ספעציעל אפגעדינגענעם גרויסן וואגאן, דעזיגנירט פאר ברסלב'ע חסידים. די באן האט זיך ארויסגעלאזט פון לובלין – א שטאט ווי פילע ברסלב'ע חסידים פלעגן וואוינען – און פון דארט פארגעזעצט קיין ווארשע, מאכנדיג דעם לאנגן וועג ביז אומין. מען פלעגט נישט טוישן וואגאנען אינמיטן וועג, נאר דערגרייכנדיג א שייד-וועג ווי די באנען האבן זיך געביטן, האט מען בלויז אפגעטשעפעט דעם וואגאן פונעם פריערדיגן באן און איר צוגעטשעפעט צום נייעם באן.

דאס זענען געווען עטליכע טעג פון התעלות. די וועג האט געדויערט אפאר טעג, און ווי דער שטייגער פון חסידים האט מען עס אויסגעניצט ביז צום קלימאקס. אויפן וועג האט מען אפגעראכטן פייערדיגע תפילות, זיך געפילעוועט איבערן רבי'ן און זיינע תלמידים'ס רייד, ווען פון צייט צו צייט לאזט מען זיך ארויס אין א טענצל, "מי שהיה אצלי על ראש השנה ראוי לו לשמוח כל השנה". דער קאנדוקטער פלעגט נישט אריינגיין דארט, ער האט אפגענומען דעם בילעט דארטן באלד אין ווארשע, צו אין לובלין און פארמאכט דעם וואגאן, און זיי זענען אראפגעגאנגען אין אומין! דער קאנדוקטער פלעגט נישט וועלן אריינקומען, ער האט שוין געוואוסט, אויב ער איז אריינגעגאנגען איז ער נאטורליך צוגעצויגן געווארן צו די טענץ און די ריקודים מיט זיי צוזאמען!

ווען די סימנים האבן אנגעהויבן צייגן אז אט אט דערגרייכט מען שוין דעם ציהל, האט זיך דער עולם ארויסגעלאזט אין א ספאנטאנישן טאנץ, ארומגענומען מיט א העכערע געפיהל איבערן שטאט צו וועלכן מען דערגרייכט, די שטיינער און הייזער קוקן טאקע אויס ענדליך צו די אין פוילן, אבער דא, אונטערן ערד, העכערן בלויען הימל, טוען זיך אפ העכערע זאכן אויף וואס מיר האבן דעם זכיה צונעמען א חלק. עטליכע יונגעלייט פלעגן ארויסלייגן די הענט פונעם פענסטער און אנהייבן פויקן אויף די ווענט פונעם באן, ווי צו לאזן וויסן פארן צדיק אז יא, אויך דאס יאר זענען מיר געקומען...




געוויינטליך איז ארויסגעפארן פון טשערין זיבעציג אכציג מענטשן. פון ברסלב איז געווען אן עולם פון זיבן אכט מנינים, פון טעפליק איז געווען זיבן אכט מנינים ס'איז געקומען צופארן הונדערטער אידן.

אין דעם יאר, תרע"ה, בעפאר די גרעניצן צווישן אוקראיינע אין פוילן זענען הערמעטיש פארשלאסן געווארן מיטן אויסברוך פון ערשטן קריג, זענען נאך געווען ביים קיבוץ הק' פילע פון די זקני וחשובי אנ"ש, אריינגערעכנט די גרעסטע ריזן און לייבן פונעם רבי'נס חדר ווי רבי מרדכי סאָקאָלאָווער און רבי יצחק ברייטער (ער איז אויך געווען אין יאר תרע"ט – איידער די גרעניצן מיט פוילן זענען הערמאטיש פארשלאסן געווארן), אזוי אויך, רבי דוד צבי - דער זון פון רבי יצחק בן מוהרנ"ת - און זיין ברודער רבי מיכל'ע. (רבי דוד צבי איז נפטר געווארן תרע"ו, און אויף ראש השנה תרע"ו איז ער שוין נישט געווען. ווידער רבי מיכל'ע איז נאך געווען ביים קיבוץ ביזן יאר תרע"ז, די יאר וואס ער איז אוועק).

## ווי קען זיין אזא מין אהבה?

די אהבה וואס האט געהערשט צווישן די באטייליגטע איז געווען עפעס וועלכע קען נישט געשילדערט ווערן אין בלויזע ווערטער, הויך הילכיגע 'שהחיינו'ס' זענען געמאכט געווארן איינער צום צווייטן, ווען אלע, פון גרויס ביז קליין, יונג און אלט, שפירן דעם גרויסן ווענדפונקט און גלייכער ציל אויף וועלכע מען געפינט זיך דא.

רבי לוי יצחק דערציילט: "איך געדענק דעם ערשטן ר"ה מיינע, פון תרע"ה, האב איך עס געזען וואס דער רבי זאגט (די אהבה) אזא מין אהבה וואס איך האב געזען ביי אונזערע לייט, די גאנצע גאס איז געווען - א טאג פאר

ערב ר"ה - פול מיט קארעטעס מיט וואס די וואס זענען אנגעקומען. ס'איז אנגעקומען הונדערטער מענטשן. די אהבה וואס ס'איז געווען! שהחיינו'ס האט מען געמאכט. "איך האב געזען א איד, א בעל צורה, טאנצט און שפרינגט ווי א קליין אינגעלע, מיט א העכערע שמחה אויסגעשפרייט אויפן געזיכט... האב איך געפרעגט איינעם ווער דאס איז, און יענער קוקט מיר אן מיט ברייט צועפענטע אויגן "דער? דאס איז דאך דער סאקאלאווער רב! א איד א גאון!".... איך געדענק אים ווי ער איז ארום געפאלן אלע מענטשן און זיי געקושט, איך האב געטראכט צו מיר, וואו בין איך דא? וואו זעט מען אזא מין אהבה. וואו זעט מען דאס? די טרערן וואס האט זיך געגאסן פון ליבאשאפט, וואו זעט מען דאס?"

ווען דער טשערינער רב פלעגט קומען ראש השנה פלעגט ער זיך אויסדריקן "איך האב דעם רב איבערגעלאזט אין טשעהרין", מיינענדיג זיך זעלבסט, אז דאס רבנות האט ער איבערגעלאזט אין זיין היים-שטאט טשערין, און יעצט, ביים רבי'ן, איז "בתוך עמי אני יושבת"... גלייך ווי אלע! דאס איז אין די גאנצע וועלט נישטא!"

די אהבה וואס האט געהערשט צווישן די ברסלב'ע חסידים איז געווען אויסערגעוועהנטליך, אבער דער הויכפונקט איז געווען, ראש השנה. דאן, ווען אלע חסידים זענען זיך צוזאמגעקומען פון איבערן וועלט, האט זיך ארויסגעוויזן דאס העכערע אחדות וואס הערשט צווישן אלעמען. רבי לוי יצחק וואס איז דאן געקומען צום ערשטן מאל אין לעבן, איז טיף באאיינדרוקט געווארן פון דעם וואונדערליכן אהבה וואס האט געהערשט צווישן אונזערע לייט, זיך אויסדריקנדיג מיט זעכציג יאר שפעטער: "דעמאלטס האב איך געזען אז דעם רבי'נס זאך איז עפעס - נישט קיין זאך פון דער וועלט, ס'איז אן עולם הבא'דיגע זאך! ס'איז א גן עדן'דיגע זאך! דעם ערשטן ראש השנה בין איך ארומגעגאנגען אזוי ווי איך בין אין גן עדן! איך בין אין גן עדן! איך בין נישט אין דער וועלט!".

## די גרויסארטיגע הכנות

די הכנות אנצוקומען צום ציון הקדוש האט אריינגענומען אין זיך פילע דעטאלן אין אלע הינזיכטן. אנגעהויבן פון חדשים פריער, פלאנירנדיג וויאזוי בייצוקומען די שווערע וועגן וועלכע פילע האבן געדארפט אונטערנעמען בלויז אנצוקומען מיט זייער גוף ביזן שטאט אומין, אבער פיל מער האט געהערשט א התעוררות געמישט מיט התחזקות זיך גרייטנדיג רוחניות'דיג צום גרויסן טאג. רבי יצחק דוחובנא פון טעפליק (א פלומעניק פון רבי אלטער טעפליקער, דער פארפאסער פונעם ספר משיבת נפש, זיין מאמע איז געווען זיינס א שוועסטער), פלעגט אנהייבן יערליך זיין סדר אין ליקוטי הלכות שוין פון חמשה עשר באב, ווען דורכאויס די קומענדיגע פערציג טעג טוט ער פארענדיגן דעם גאנצן ליקוטי הלכות, לערנענדיג טעגליך פערציג-פופציג בלעטער מיט א פלייס. בלויז אריינצוקומען אינעם קלויז דורכאויס די וואכן איז געווען גענוג אנצואווארעמען דעם קאלטסטן מענטש אז "כי בא, כי בא לשפוט את הארץ", אזויווי רבי נתן האט זיך אויסגעדריקט: "אָט קומט ער, אָט קומט ער" אזש א פחד איז געפאלן אויף אלע ארומיגע בשעת ער האט דאס ארויסגעזאגט מיט זיין הייליגן מויל.

## ליל זכור ברית

עס גייט אריבער א טאג נאך א טאג, א וואך נאך א וואך... און ענדליך, דער גרויסער טאג קומט שוין נענטער צו גיין. די נאכט פון זכור ברית האט זיך אראפגעלאזט איבערן שטאט אומין, און דאס שטאט איז פארוואנדלט געווארן אין א נייע צורה.

צום נאכט פון זכור ברית האבן דערגרייכט הונדערטער חסידים און דער גאנצער געגנט ארום דעם ציון הק' און די קלויז, האט אנגעהויבן ווירבלען מיט הונדערטער פאראייניגטע חסידים, איינהילנדיג דעם גאנצן ארום אין א העכערן אטמאספער, א ריינע ארט, א פלאץ ווי אזויפיל הונדערטער מענטשן – אריינרעכענענדיג די מערסט-דערהויבענסטע חסידים און דער זייט פון פשוט'ע אידן – קומען צו מקבל זיין מלא חפניים פונעם צדיק הגדול וועלכע האט געלאזט אנזאגן אלע זיינע חסידים, אז 'איש בל יעדר'... אזויפיל הונדערטער אידן קומען אהער מיטן בלויזן אמונה אינעם צדיק, אז דער רבי האט געהייסן קומען.

ווען די נאכט האט אנגעהויבן צופאלן איז דאס געדרענג ארום די ציון געווארן וואס א מינוט מער געשטופט. אלע האבן געוואנדן זייערע טריט, איינגעהילט אין טיפע מחשבות וועלכע האט זיך אנגעוויזן אויף די פארקנייטשטע שטערן-צייכנס, אנצייגנדיג אויף די גרויסע יראה וואס הערשט ביי אלעמען קומענדיג וואס א טריט נענטער צום הייליגן אדמת קודש.

ווען די זייגער האט געוויזן אויף חצות הלילה, איז דאס ציון געווען באלאגערט דורך הונדערטער אידן, און די קולות וואס האט זיך ארויסגעהערט איבערן גאנצן ארום איז געווען הארץ-רייסנד. שפעטער, ווען די אנגעגעבענע צייט פון זכור ברית איז אנגעקומען, האט דער בעל תפילה אינעם גרויסן קלויז, וועלכע איז געשטאנען אויפן אנדערן זייט פונעם בארג - אנגעהויבן אשרי יושבי, דאן האבן זיך די קולות פון די צוויי בערג צוזאמגענומען און איניינעם געשפאלטן די הימלען ארויפגייענדיג גראד ביז צום כסא הכבוד... די אידן ביים ציון האבן זיך נישט געקענט אפרייסן פונעם רבי'ן און פרובירט אריינצוכאפן די געציילטע מינוטן ביז זכור ברית, און פארגעזעצט מיט די עבודות ביים ציון...

זכור ברית האט זיך אנגעהויבן פונקטליך דריי אזייגער ביינאכט. ווען רבי אברהם שטערנהארץ ז"ל האט פארלאזט דעם ציון עטליכע מינוט בעפאר דריי אזייגער, האבן א גרויס מערהייט פון די באטייליגטע זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג צום קלויז, ווי רבי אברהם האט פארגעדאווענט פאר'ן עמוד, האבנדיג דעם קביעות פארצודאווענען זכור ברית, מנחה מעריב שחרית און מוספין!

סליחות זעלבסט האט זיך פארצויגן א לענגערע צייט, און עס איז נישט מעגליך געווען צו דאווענען מיטן נץ. דאס ערנסטקייט האט זיך שוין אנגעזען ביים עולם ביי סליחות, וועלכע האט זיך גאר לאנג געצויגן, א ערך פון א דריי שעה, ווערנדיג פארגעדאווענט דורך רבי אברהם מיט א געוואלדיגע השתפכות הנפש.

מענטשן זענען געשטאנען פאר לאנגע שעה'ן צודריקט און צושטיפט, זיך נישט קענענדיג רירן. די היץ אינעם אהל איז געווען אומגעהויער, אבער גארנישט האט נישט צוריקגעהאלטן דעם שטראם פון מענטשן, צו פארלאזן דארט טייכן פון טרערן אין אט די געהויבענע שעה'ן, ווען אין די הערצער צאנקעט הרהורי תשובה געמישט מיט נייע קבלות טובות פארן קומענדיגן יאר



## צדקה אן קיין חשבון

נאכן דאווענען האט זיך ערווארבן אן הערליכער בילד, ווען אלע ארימעלייט פון פוילן, וועלכע האבן נישט פארמאגט פאר די מינימאלע הוצאות פאר די וועג צוריק, זענען ארומגעגאנגען פון טיש צו טיש קלייבנדיג נדבות פונעם ציבור. די טעשער – וועלכע זענען אזוי אויך געווען ארימע – האבן זיך פלוצלינג צועפענט, און אלע האבן אנגעהויבן גיסן ריזיגע נומערן פון צדקות איינער פארן צווייטן. קיינער האט נישט געקוקט וויפיל ער געבט, מען האט בלויז אריינגעלייגט דאס האנט אין קעשענע, ארויסגענומען א הויפן געלט און געגעבן מיטביידע הענט, זיך פרייענדיג אז מען האט די זכיה ארויסצוהעלפן אנדערע און זוכה זיין אין מצוות צדקה.

## ערב ראש השנה ביים ציון

א גאנץ יאר איז די ציון שטענדיג געווען פארנומען מיט מענטשן, ווען ביי אלע ברסלב'ע חסידים וואס האבן זיך געפינען אינעם שטאט אומין איז דאס גיין צום ציון געווען א טאג טעגליכער רוטין, פונקט ווי לייגן טעגליך תפילין. מאנכע האבן דארט אפגעראכטן זייער התבודדות, און ווידער אנדערע פלעגן זיך אויסוויינען ביים ציון ביי חצות. די ציון פלעגט האבן א שלאס וועלכע עטליכע מענטשן האבן פארמאגט די שליסלען דערצו, און ווען מען האט געוואלט וויסן צו די ציון איז שוין אפן, פלעגט מען בלויז דארפן ארויסגיין אינעם חצר פונעם קלויז וואס איז געשטאנען אויפן בארג קעגן איבער דעם ציון, און צולייגן אן אויער צו מען הערט שוין די געשרייען און וויינען ביים ציון. מען האט נישט געדארפט מער ווי הערן די 'ברסלב'ע קלאגערייען' און מען האט געוואוסט: די ציון איז שוין אפן.

ביים ציון זעלבסט האט שטענדיג געהערשט א מורא'דיגע אימה און יראה, האלטנדיג פאר די אויגן אז דער הייליגער רבי געפינט זיך אויפן ארט. רבי אברהם ב"ר נחמן האט פארציילט אז דער טשעהרין'ער רב פלעגט שטיין ביים ציון פאר לאנגע שעות אויף די צוויי פיס זאגנדיג דעם תיקון הכללי, ביז ווען ער האט געשפירט אז זיינע כוחות לאזן זיך אויס, און ער מוז זיך אראפזעצן. אבער אויך דאן האט ער זיך קיינמאל נישט אראפגעזעצט אויף א בענקל, נאר ער פלעגט ארויסציען פון זיין טאש א פאטשיילע און עס אויסציעהן אויף דער ערד, און זיך ארויפזעצן דערויף - אויף אזוי ווייט האט מען זיך אויפגעפירט מיט אזא דרך ארץ אויף דעם מקום קדוש.

ווי שטארק דאס פארקער איז געווען א גאנץ יאר ביים ציון, ווען דאס פלאץ האט קיינמאל נישט גערוהט פאר קיין איינציגע מינוט, איז עס נישט געווען קיין משל צו דאס וואס האט זיך דארט אפגעטועט אין די טעג ארום ראש השנה - ווי נאר דאס דאווענען אינעם קלויז איז פארענדיגט געווארן, איז דער קליינער ציון פלוצלינג ווידער פארוואנדלט געווארן אין א שטראם פון מענטשן. דאס פלאץ איז געווען ענג און צושטיפט, אבער גארנישט האט נישט געקענט אפהאלטן די הונדערטער מענטשן פון

זיך ארויפווארפן אויף דעם בלויזן שטיין וואס האט פארנומען די מערהייט פונעם אוהל.

מענטשן זענען געשטאנען פאר לאנגע שעה'ן צודריקט און צושטיפט, זיך נישט קענענדיג רירן. די היץ אינעם אהל איז געווען אומגעהויער, אבער גארנישט האט נישט צוריקגעהאלטן דעם שטראם פון מענטשן, צו פארלאזן דארט טייכן פון טרערן אין אט די געהויבענע שעה'ן, ווען אין די הערצער צאנקעט הרהורי תשובה געמישט מיט נייע קבלות טובות פארן קומענדיגן יאר. רבי לוי יצחק זעלבסט האט זיך נישט געקענט משתטח זיין אויפן ציון צוליב מאנגל אין פלאץ, און האט בלויז זיך געקענט טיילווייז אנלענען אויפן ציון, און אזוי זיך אויסגיסן דאס הארץ.

אידן פון קליין ביז גרויס, זקנים עם נערים, פשוטע לייט און שרפים'דיגע עובדים, בעלי בתים און פשוטע ארבייטערס, אלע זענען געשטאנען אינאיינעם זאגנדיג דעם תיקון הכללי איינמאל און נאכאמאל, נאס מאכנדיג די געלע פאפיר מיט ים'ן פון אויסגעלייטערטע טרערן... די קולות וואס זענען פארגעקומען אין די געציילטע סקווער-פיס זענען אומבאשרייבליך, עין לא ראתה זאת, אפילו די שטומע שטיינער פונעם ארום האבן בלויז געקענט מיט ווינען מיט די וויינענדיגע הערצער... די קולות זענען פארוואנדלט געווארן אין א הויכן כאָר פון געבעהט, האפענונג און תשובה.

צווישן די פארזאמלטע האבן זיך געפינען אזעלכע גרויסע לייט ווי רבי ישראל טירהאוויצער, און זיינע באנומענע קולות ביים זאגן די ווערטער פון רבי נתן'ס תפילה "ראה מסוכן כמוני", האט אלעמען באנומען... עס איז געווען א בחינה פון 'לב שופכים נכחך כמים' ווען רבי ברוך בארדיטשובער און רבי בנימין פארבער האבן זיך געעפנט די הערצער צום אייבערשטן און מיטגענומען אלע ארומיגע מיט זיך ארויף צו העכערע וועלטן, ווי די לעצט-פארבליבענע בלאקאדאס זענען גענצליך געעפנט געווארן, און דאס הארץ האט בלויז געבענקט צום קוואל...

"מען האט אנגעטאפט דעם רבי'ן - דאס איז עפעס א כח פון אויבן. מען האט געזען דער כח פונעם רבי'ן - 'דאס איז דעם רבי'נס ראש השנה! דאס איז דעם רבי'נס ראש השנה!" פלעגט אלץ ר' לוי יצחק אויספירן זיינע מעמוארן.

## נשמות פון אלע סארטן

דער הייליגער רבי האט אמאל געזאגט: "צו מיר וועלן מקורב ווערן אזעלכע מענטשן וואס דער שאול תחתית איז פאר זיי קארג". אין דער זעלבער צייט האט דער רבי זיך אויסגעדריקט: "וואו עפעס רעכטס (ערליכע אידן), איז מחויב צו מיר מקורב ווערן". דער רבי האט געוואלט אז אלע סארטן זאלן דערגרייכן צו אים, פון איין זייט זאלן קומען צו אים די ווייטע נשמות פאר וועלכע די שאול תחתית זעלבסט איז נישט גענוג פאר זיי, און פונעם צווייטן זייט זאלן קומען צו אים גרויסע און העכערע נשמות...! די ווייטע נשמות זאלן באקומען הויפענעס פון חיזוק אריינצוגיין אין עבודת השם, און די הויכע נשמות זאלן באקומען דאזעס פון התעוררות אויף ווי ווייט מען האט נאכאלץ צו גיין צו מקורב ווערן צום אייבערשטן.

די דאזיגע צוויי שיחות זענען געגוי' פארפולקאמט געווארן ביים הייליגן קיבוץ ראש השנה אין אומין. ארום דעם טיש פון רבי לוי יצחק - ווען אין די שפעטערע יארן פלעגט ער אפרעכטן גרויסארטיגע סעודות פאר פילע באטייליגטע - זענען געזיצן איבער פופצן 'צדיקים', ווי ער פלעגט דערציילן יארן שפעטער "ס'איז געווען - ברוך השם - ביי מיר א טיש 'ראש השנה'! דער אויבערשטער זאל העלפן איך זאל זוכה זיין בימי 'משיח' - צו זען אזא מין טיש! א פופצן-זעכצן 'צדיקים' זענען געווען ביי מיר ביים טיש! אזא מין לעכטיגקייט געווען ביים טיש, אז ס'איז א געוואלד געווען!".

אין דער זעלבער צייט האבן זיך געפינען ביים רבי'ן גאר דערווייטערטע נשמות, וועלכע האבן געלעכצט נאך אביסל אור וואס זאל זיי נענטער ברענגען צום אייבערשטן, און געהאפט צו באקומען די כוחות זיך אומצוקערן צו זייער נשמה.

רבי לוי יצחק פלעגט אילוסטרירן דעם פאראדאקס פון די צוויי-סארטן נשמות וועלכע פלעגן זיך באטייליגן ביים קיבוץ, מיט דעם פאלגענדן געשיכטע:

איינס פון די יונגעלייט וועלכע זענען געקומען יאר-יערליך צום קיבוץ איז געווען א אינגערמאן וואס איז געקומען אריגינעל פון פוילן. דער איד איז געווען א גרויסער תלמיד חכמים און א בנש"ק שטאמנדיג פון די גרעסטע גדולים אין די פריערדיגע דורות. זייענדיג אן אויסגערופענער גוטער בחור, איז ער געווארן אן איידעם ביי א פארמעגליכער גביר אין דניעפראפעטראווסקע.

זייענדיג אין דניעפראפעטראווסקע, וועלכע איז געווען א גרויסער שטאט, איז דער אינגערמאן ליידער קאליע געווארן, און איז נאכגעשלעפט געווארן נאך זיינע תאוות ווערנדיג וואס א טאג ווייטער פון אייבערשטן. נאך א גרויסער חלק פונעם 'גליטשן' איז געקומען אין רעזולטאט פון זיין שידוך ווי ער איז אריינגעפאלן מיט א שוואכע ווייב, וועלכע האט אים אראפגעשלעפט. אבער איין זאך האט ער פארמאגט, וואס אויף דעם האט ער קיינמאל נישט אויפגעגעבן: אומין ראש השנה.

דער יונגערמאן פלעגט אנקומען קיין אומין עטליכע טעג איידער ראש השנה, ווי ער איז גלייך צוגעגאנגען צום ציון הקדוש, ווי ער איז געבליבן זיצן פאר שעות און טעג אין א ציה, ארום אים האט זיך געהערט יאמערליכע קולות און קרעכצן, ווען א טייך פון טרערן נעמט ארום זיין גאנצער ארום. ווען ער האט געגעסן די סעודות ביי רבי לוי יצחק האט ער בלויז געלעכצט צו הערן סיי וועלכער 'ווארט'

מען האט אנגעטאפט דעם רבי'ן - דאס איז עפעס א כח פון אויבן. מען האט געזען דער כח פונעם רבי'ן - 'דאס איז דעם רבי'נס ראש השנה! דאס איז דעם רבי'נס ראש השנה!

פון רבי'ן, און יעדעס מאל וואס איינס פון די באטייליגטע האבן נאכגעזאגט עפעס פון רבי'ן אדער פון זיינע תלמידים, איז דער יונגערמאן ממש אויפגעשפרינגען פון פלאץ זיך צובייגנדיג צו דער וועלכער האט גערעדט, נישט ווילנדיג פארפאסן קיין איין איינציג ווארט. ער האט געהאט א הארץ וואס האט שטענדיג געבענקט און געהאפט זיך אומצוקערן צום רבונו של עולם, אבער פון דער אנדערער זייט האט ער פארמאגט אין זיך שרעקליכע נסיונות וואס האט אים שטענדיג אראפגעשלעפט צו שלעכטס רח"ל.

מענטשן פלעגן שטיין געשטוינט זיך וואונדערנדיג ווער איז דער אויסגעארבעטער אינגערמאן וואס פארבראכט אזויפיל שעות ביים ציון, מיט אזא ריינע און צובראכענע הארץ, אבער זיין אמת'ער שלייער האבן נישט אלע געוואוסט, ווען אונטער די פילע טרערן באהאלט זיך א פארוואגלטע נשמה, וואס איז ליידער פארקראכן גאר ווייט פון די רעלסן.

דער יונגערמאן פלעגט זיך אויסרעדן צו מיר דאס הארץ, וויינענדיג מיט טרערן אין די אויגן, "וואס זאל איך טוען? ווי נאר איך גיי ארויס פונעם ציון בין איך שוין אין א סכנה, איך בין שוין איינגעשטעלט". זיין איינציגסטע טרייסט אויף די וועלט איז געווען די ד' אמות פונעם ציון, "וואס וועט זיין פון מיך, ווייס איך נישט", האט ער געזאגט, "איך האב נאר איין עצה, איך ווייס איך בין ביים רבי'ן, איך דארף גיסן טרערן"!!!

מאנכע וואלטן געהאלטן אז מען דארף אים פארטרייבן פון בית המדרש זייענדיג א בזיון פאר אלעמען, אבער דער הייליגער רבי האט אונז אויסגעלערנט דאס פארקערטע, און מיר פלעגן אים מקרב זיין און ארויסווייזן ליבשאפט, "אז דו ווערסט זיך האלטן אינעם רבי'ן, דו וועסט זיך האלטן אין התבודדות, סוף כל סוף וועסטו גוט אנקומען!




מיר ווייסן ניטאמאל וואס עס האט זיך געענדיגט מיט דעם יונגערמאן, און גאנץ מעגליך אז ער איז אומגעקומען אינעם צווייטן וועלט מלחמה. אבער דאס ווייסן מיר יא, אז יאר-יערליך האט ער אפגעראכטן 'מחאות' (ע"פ ליקו"ה חזקת מטלטלין ה"ה), ערקלערנדיג פאר'ן אייבערשטן אז ווי ווייט ער זאל זיך נאר געפינען פון אים, און ווי טיף ער זאל נאר זיין אין שאול תחתית – דאך וויל ער זיך אומקערן צום אייבערשטן!

## ערב ראש השנה

אידן שטייען שוין אויף די פיס פאר לאנגע שעה'ן, די הערצער זענען אפן, אלע גיסן זיך אויס דאס הארץ האפענענדיג אז זיי זאלן ארויסגיין פון דא מיט נייע ריינע הערצער, נישט אומזיסט האט זיך דער רבי אויסגעדריקט "אנדערע וואלט זיך געוואונטשן אזא ראש השנה ווי אונזער ערב ראש השנה". די מענטשליכע גופים קענען זיך נישט אפרייסן פונעם פלאץ, איינער שפירט ווי נאך א תיקון הכללי וועט עס מאכן, דער צווייטער האלט נאך אינמיטן אפרעכטן א 'וידוי דברים', ווען אין דער זעלבער צייט שפירט דער דריטער אז ער איז נאכנישט גרייט צו דער 'כבקרת רועה עדרו'... אבער די צייט פון מנחה באווייזט זיך שוין אויפן זייגער, און אויך די וועלכע ווילן נישט אנערקענען אז די צייט לויפט, מוזן זיך אויפוועקן צום פאקט אז אין געציילטע מינוטן הייבט שוין רבי אברהם שטערנהארץ אן מיט די עבודת הקטורת...

אין די לעצטע מינוטן זענען אידן שנעל געלאפן אין מקוה אריין, זיך איבערגעטוישט די וועש צו פרישע יום טוב'דיגע בגדים, און געשווינד געוואנדן די טריט צום לעכטיגן קלויז וועלכער איז געווען איבערגעפילט מיט מענטשן פון איין עק ביזן צווייטן, פארוואנדלענדיג דעם גאנץ-יעריגן פאליש אלס א חלק פונעם בית המדרש.

## א לעבעדיגע קטורת

מנחה איז געווען באשטימט אויף עטליכע מינוט בעפאר די שקיעה. אידן וועלכע די אויגן איז זיי נאך געווען געשוואלן פון די בכיות וואס זיי האבן פארגאסן דורכן טאג ביים ציון, זענען יעצט געשטאנען גרייט אויפן פלאץ צו אשרי, ווען די פיאות טריפן נאך טראפנס וואסער פונעם מקוה וואס זיי האבן קוים עספיעט אריינצוכאפן, נישט וועלנדיג פארפאסן קיין איינציגע מינוט פון אזא דערהויבענעם טאג.

רבי אברהם שטערנהארץ שטייט שוין ביים עמוד, און מאכט די לעצטיגע הכנות צום דאווענען. אט גיבט ער א געשריי "וידבר"! און דער גאנצער ציבור ווערט ספאנטאן מיטגעשלעפט אינעם עבודת הקרבנות. די לופט אינעם קלויז האט זיך געשפירט ווי עס זאל ווען פארקומען אויפן פלאץ אן הקרבת קטורת, עס האט זיך געשפירט דעם פלאם פייער וואס האט אונטערגעצינדן די פענדל פון די קטורת אין בית המקדש ווען דאס קטורת זאגן אליינס האט זיך פארצויגן צו איבער א פערטל שעה!

רבי אברהם איז נאך דאן געווען היפש יונג, אלט זייענדיג בלויז צוויי-און-פופציג יאר (ער איז געבוירן געווארן אין שנת תרכ"ב), באצירט מיט א קליין שווארצע בערדל. זיין דאווענען איז שטענדיג געווען אויף א באטעמ'טע פארנעם, ער האט אראפגעלייגט גאר א געשמאקער דאווענען. אין שפעטערע יארן, ווען רבי אברהם איז ארויפגעגאנגען קיין ארץ ישראל, האט רבי איציק'ל באַבריניצער איבערגענומען זיין ארט און פארגעדאווענט דעם תפילת המנחה. רבי איציק איז געווען א געוואלדיגער עמאציאנאלער מענטש און א גרויסער בעל בכי, און ווען ער האט פארגעדאווענט איז דער גאנצער קלויז מיטגעשלעפט געווארן מיט זיינע בכיות, אזש עס האט זיך געשפירט אז די ווענט האבן מיטגעוויינט און געגאסן טרערן!

רבי לוי יצחק האט נאך מיטגעלעבט פילע פון די גרויסע רבי'ס אין פוילן, ווען אלס קינד און שפעטער אלס יונגער בחור פלעגט ער שטענדיג גיין צו פארשידענארטיגע רבי'ס וועלכע זענען געקומען באזוכן אין זיין אומגעגנט ווי ער האט געוואוינט. אבער דאס וואס ער האט בייגעוואוינט ביי א פשוטער 'קטורת' ערב ראש השנה אין אומין, ווי הונדערטער אידן לעבן ממש מיט יעדעס איינציגסטער ווארט וואס זיי זאגן ארויס פון מויל, ווי כאילו זיי זאלן ווען יעצט שטיין מלפני ולפנים און מקריב זיין די קטורת, האט אים גענצליך איבערגענומען, אזאנס האט ער אין זיין לעבן נאכנישט בייגעוואוינט.

געווען דארט א איד, דערציילט ר' לוי יצחק, מען פלעגט אים רופן ר' נחמן אלשיך, היות ער

# נוסחאות התפלה

**טייל מקורות פון די נוסחאות התפילה - ימים נוראים: לויט די עדות'שאפט פון ר' לוי יצחק בענדער ע"ה**

רוב רובו פון די **נוסח** וואס מיר דאווענען אין **ראש השנה** שטאמט פונעם רבי'נס תלמיד, הרה"ק **רבי יקותיאל** דער מגיד פון טירהאוויצע זצוק"ל.

דער **אנהייב** פון **חזרת הש"ץ** שחרית און מוסף שטאמט פון הרה"ק **רבי משה שפירא** א זוהן פון הרה"ק רבי פנחס'ל קאריצער זי"ע.

די נוסח פון **מכלכל חיים - שחרית** קומט פון **רבי נחמן טולטשינער** ז"ל.

די שטיקל פון **אשרי העם יודעי** תרועה און אזוי אויך די נוסח פון **הנני העני ממעש** איז אריינגעברענגט געווארן ביי אנ"ש דורכ'ן בעל תפילה **ר' לייב קוסטאנטינער** ז"ל.

די ניגון פון **מכלכל חיים** און פון **ויאתיו כל לעבדיך** ביי מוסף שטאמט פון **ר' ירוחם חזן** און איז אריינגעברענגט געווארן צווישן אנ"ש דורך **ר' לייב קוסטאנטינער** ז"ל.

די נוסח פון **ונתנה תוקף** איז פון דער **מגיד פון טירהאוויצע** און פארמאגט אין זיך אויך א געמיש פון די נוסח פון **ר' לייב קוסטאנטינער**.

די תנועה פון "**אלקינו ואלקי אבותינו**" ביי אנהייב "שופרות" איז פון **ר' נחמן טולטשינער** ז"ל.

אריינגעפאסט די ניגון פון מעין עולם הבא אויף די ווערטער פון **ארשת שפתינו** און אויך די ניגון פון **היה עם פיפיות** איז צוזאמגעשטעלט געווארן דורך **ר' נחמן טולטשינער** ז"ל.

האט געקענט גאנץ אלשיך אויף אויסעווייניג, ער איז געווען א זוהן פון ר' דוד צבי בן ר' יצחק בן מוהרנ"ת זצ"ל, א גרויסער בעל בכי געווען, ער האט אסאך טרערן פארגאסן. ער פלעגט זאגן די קטורת ערב ראש השנה האט די שול געקלונגען! די שול האט געקלונגען מיט זיינע קטורת, ווען ער האט געזאגט די ווערטער: "בבואם אל אהל מועד ירחצו מים ולא ימותו", מיט אן התעוררות געזאגט, ער האט גערעדט די ווערטער אזוי ווי ער טייטשט עס אויס!

די אמונה אינעם רבי'ן האט זיך געשפירט אין די לופטן, עס איז פולקאם פארווירקליכט געווארן דעם 'מורא רבך כמורא שמים'! דערנאך האט ר' אברהם אויך פארגעדאווענט מערבית.

## לשנה טובה

"די וועלט וועט זיך פארוואונדערן אויף די אהבה פון מיינע מענטשן" האט דער רבי פאראויסגעזאגט בחיים חיותו. אט דאס האט זיך אפגעשפילט תיכף נאך מעריב, ווען דער עולם האט אנגעהויבן אנוואונטשן איינער פארן צווייטן דעם 'לשנה טובה". די אהבה וואס עס האט געהערשט צווישן דער עולם דורכאויס ראש השנה איז געווען אומבאשרייבליך, ווען יעדער איינער, פון קליין ביז גרויס, האט געשפירט אז אלע זענען זיך צוזאמגעקומען מיט א פאראייניגטע ציהל: צו ווילן ביים צדיק אויף ראש השנה!

## ראש השנה בייטאג

נאך אזא נאכט, אויף וועלכע דער רבי האט געזאגט אז זיינע חסידים פירט מען דורך דער ערשטער נאכט, איז פארשטענדליך שוין מיטגעשלעפט געווארן דעם שחרית פונעם קומענדיגן צופרי. וויפיל דער שוהל אליינס איז געווען א פראכטפולער געבוי, איז אבער דאס דאווענען געווען פיל שענער, מען האט געזען אז דאס איז נישט קיין מענטשליכער כוח, נאר א העכערע כוח פון אויבן פירט דעם פלאץ.

רבי אלטר טעפליקער איז צוגעגאנגען צום עמוד צו פסוקי דזמרה ביז המלך, ער האט געהאט אזא נאטור - ער האט געדאווענט

> **רבי געצע, וועלכער האט געפירט די 'חבורת העובדים', האט געזאגט: "ראש השנה, ראש השנה, אל תתהדר לפני מלך, דאס איז היינט דעם רבי'נס ראש השנה!"**

הויך, געשמאק, זיין דאווענען האט זיך געהערט, ער האט אסאך מענטשן מעורר געווען מיט זיין דאווענען!

דערנאך איז ער געזיצן אויבן אויפן בימה און הויעך געדאווענט דעם גאנצן דאווענען ווארט נאך ווארט, ווי א מענטש וואס ציילט זיין געלט, ער האט אריינגעברענגט א ווארעמקייט ביי אלעמען. אויך בשעת די שטילע שמונה עשרה האט זיך געהערט זיין זיסע בעטענדיגע שטימע אינעם גאנצן קלויז...

אויך ר' זלמן, א אייניקל פון רבי'ן (א זוהן פון ר' נחמן חיה'לעס - די טאכטער פון רבי'ן) אויף וועמען מען האט געזאגט אז ער האט געטראגן אויף זיך די צורה פון רבי'ן, איז געשטאנען א גאנצן טאג ביים דאווענען אויסגעדרייט צום וואנט.

שחרית איז פארגעדאווענט געווארן דורך רבי אברהם שטערנהארץ. ר' לוי יצחק פלעגט דערציילן, אז איינמאל איז איינער א משכיל רח"ל אמאל דורכגעגאנגען די שוהל בשעת ר' אברהם האט פארגעזאגט דעם "לאל עורך דין" ביי תפילת שחרית, האט ער שפעטער געזאגט; וואס זאל איך אייך זאגן: די מענטשן האבן געוויינט?! "די ווענט האבן געוויינט"! די ווענט האבן געוויינט!!!

דער בעל קורא איז געווען רבי אייזיק'ל קאסטענטינער וועלכער האט איבערגעבויט דעם קלויז, און האט געהאט א הויכער קול. רבי נחמן – דער זוהן פון רבי דוד שוחט – איז געווען דער בעל תוקע, ביזן יאר תר"פ ווען ער איז ליידער אומגעקומען דורך די פארשאלטענע באנדעס. שפעטער, נאך זיין אומקום, האט רבי ארי' לייב קאפלאן, דער קאסאב'ער רב, איבערגענומען זיין אמט.

מוסף פלעגט קודם פארדאווענען ר' נחמן נעמירוב'ער ביז זיין פטירה אינמיטן זוממער שנת תרע"ט, דאן האט אים איבערגענומען רבי אברהם שטערנהארץ ווי ער פלעגט דאווענען די מוספין ביז ער איז ארויף קיין ארה"ק און איז דאן איבערגענומען געווארן דורך ר' לוי יצחק זעלבסט.

ראש השנה האט געהערשט א העכערע געפיהל איבערן גאנצן קלויז, און אויך די עובדים וועלכע פלעגן אגאנץ יאר אפרעכטן זייערע תפילות מיט איבער-מענטשליכע קולות, האבן אבער ראש השנה געדאווענט אינאיינעם מיטן גאנצן עולם און קיינעם נישט איבערגעשריגן, צוליב די פחד פונעם יום הדין. רבי געצע, וועלכער האט געפירט די 'חבורת העובדים', האט געזאגט: "ראש השנה, ראש השנה, אל תתהדר לפני מלך, דאס איז היינט דעם רבי'נס ראש השנה!".

## אמירת תורה

פיר שעה אין א ציה איז ער געשטאנען דארט אויבן אויפן באלעמער, ווען ער זיצט ארומגענומען מיט הונדערטער אידן וועלכע נעמען נישט אראפ קיין אויג פון זיין פלאמעדיגן געזיכט. ער האט אויסגעוועהלט פון די שווערסטע און לענגסטע תורות אינעם גאנצן ליקוטי מוהר"ן – ווי תקעו תוכחה און תקעו אמונה – און דאס האט ער פארגעלערנט מיט א פעסטע שטימע און קלארע הסברה.

רבי אברהם שטערנהארץ, וואס האט שוין געהאלטן דאן – דער צווייטער נאכט פון ראש השנה – נאכן פארדאווענען דער לעצטער טאג 'אלע' תפילות אינעם ריזיגן קלויז, האט איבערגעגעבן דעם שיעור, און האט נישט אויפגעהערט ביז ווילאנג ער האט געענדיגט פארלערנען די 'גאנצע' תורה ביזן לעצטן ווארט.

אינעם קלויז זעלבסט, ביים שיעור פון רבי אברהם וואס איז פארגעקומען צווישן די ערשטע און צווייטע נאכט פון ראש השנה, נאך תשליך, האבן זיך פארזאמלט א ריזן ציבור פון אידן, אריינרעכענענדיג פילע פרעמדע אומיק'ער איינוואוינער וועלכע האבן נישט געוואלט פארפאסן דעם יערליכן ערהאבענער בילד פונעם שיעור און שפעטער דעם פלאמעדיגן דאווענען דורך רבי אברהם וואס האט פארמאגט א הערליכע שטימע. די קלויז איז געווען אזוי איבערגעפיהלט אז אפילו ברסלב'ע חסידים וועלכע האבן נישט אנטייל גענומען ביים שיעור, האבן שפעטער נישט געקענט אריינקומען צו מעריב, וויבאלד די קלויז איז געווען איבערגעפילט ביז אינדרויסן.

אין דער זעלבער צייט וואס רבי אברהם האט געגעבן דעם שיעור אינעם קלויז, זענען פארגעקומען נאך עטליכע שיעורים אין ארומיגע הייזער אויף א קלענערע פארנעם. ביי רבי שמשון בארסקי האט זיך פארזאמלט עטליכע מנינים, און אזוי אויך ביי רבי נחום שוסטער – ווי רבי אברהם ב"ר נחמן האט פארגעלערנט פאר נאך עטליכע מנינים.

אויך רבי לוי יצחק וואס האט דאן נאכנישט ארויסגעהאט די גרויסקייט פון רבי אברהם ב"ר נחמן און האט ניטאמאל געוואוסט אז ער לערנט פאר ביי רבי נחום אין שטוב. אבער ערגעץ ווי איז ער אנגעקומען ביי רבי נחום און האט דארט באגעגנט רבי אברהם ב"ר נחמן פארלערנענדיג. ארום אים זענען געזעצן אלע 'עובדים' ווי רבי מרדכי סאקאלאווער, רבי בנימין פארבער, רבי שלמה גבריאל און נאך, ווען זיי מאכן זיכער נישט צו פארפאסן קיין איין איינציג ווארט וואס קומט ארויס פון זיין מויל. ער האט נישט פארמאגט אזא שטארקע קול ווי רבי אברהם שטערנהארץ האט געהאט, אבער דאך איז ער געזיצן מיט א פארפלאמטער געזיכט, און געקאכט ווי א קעסל.

*

## דער בריוו

א שארפע בריוו האט דערגרייכט רבי לוי יצחק, ווען אויפן קאנווערט שטייט אויפגעשריבן: פון דיין טאטע - ר' אברהם נח בענדער ע"ה. ער האט געעפענט דעם בריוו מיט טרייסלנדע הענט, באגעגנענדיג א בריוו וואס זיין טאטע האלט אים פאָר פאר'ן אוועקפארן אן זיין רשות, און ענדיגט צו דעם בריוו מיט שטרענגע ווערטער אז ער וועט נאך אפגעבן דין וחשבון אויף דעם געוואגטן אקט. דאס האט אים זיין טאטע אזוי געשריבן אלץ מורא אז ער איז געווארן פארכאפט פון די בייזוויליגע ווינטן פון השכלה און קאמוניזם מיט וואס די אוקריינישע לופט איז דאן פול געווען.

רבי לוי יצחק האט זיך נישט געזוימט און האט תיכף ומיד זיך גענומען צוריק שרייבן א הערליכער בריוו ווי ער שילדערט פאר זיין טאטען וואס עס קומט פאר אין אומין, און די מורא'דיגע עבודות וואס ער האט דא בייגעוואוינט.

דאן האט ער צוריקבאקומען דעם אנטווארט פון זיין טאטן, ווי ער שרייבט אים צוריק אין קורצע רייד:

"אויב אזוי, פארבלייבזשע דארטן! האב מיר אינזין, גוט האסטו געטון"!

א ספעציעלע דאנק פאר יו"ר **מערכת טעם זקנים** הר"ר **יוסף מענדל האס** הי"ו פאר'ן צושטעלן די פולע אינפארמאציע

# ציטאטן און אויסדרוקן

איבער די **מסירת נפש** אויף וואס מען דארף זיין גרייט צו פארן צום **רבי'ן** אנטייל צו נעמען אינעם קיבוץ אין **אומין** אויף **ראש השנה**

### "יא עסן נישט עסן, יא שלאפן נישט שלאפן, יא דאווענען נישט דאווענען, אבי דו זאלסט ביי מיר זיין אויף ראש השנה"

**דער רבי** פאר איינע פון זיינע מענטשן וועלכע האבן זיך באקלאגט פאר אים אז עס וואלט אים בעסער געווען צו קומען אויף עפעס א אנדערע צייט אין יאר אין וועלכע ער וועט קענען האבן מער ישוב הדעת צו **דאווענען** און נישט מבולבל ווערן בשעת'ן דאווענען פון די גרויסע שטופעניש (חי"מ ת"ד)

### "קיין גרעסערס דערפון איז נישט פארהאנען!"

**דער רבי נאך וואס רבי אהרן דער רב פון ברסלב איז צוריק אהיימגעפארן** נאך וואס ער האט זיך אויסגערעדט פאר'ן רבי'ן אז די שטאטסלייט פון ברסלב לאזן אים נישט אוועקפארן אויף ראש השנה טענה'ענדיג אז זיי קענען זיך נישט ערלויבן צו בלייבן אויף יום טוב אן קיין רב אין שטאט וואס זאל זיי **פסק'ענען די וויכטיגע שאלות** וואס מאכט זיך כסדר. און אזוי אויך נאך וואס די חסידים האבן מסביר געווען פאר'ן רבי'ן פארוואס **ר' ליפא** איז נישט געקומען אויף ראש השנה וויבאלד ער האט געדארפט פארן מיט נאך אפאר סוחרים קיין אודעסע כדי צו ברענגען אתרוגים קיין אוקריינע אין וואו עס האט דאן געהערשט א מאנגל פון אתרוגים וואס דאס איז דאך ווארשיינליך א **"מצוה דרבים"**, און דער רבי האט אבער נישט אנגענומען דעם תירוץ, וויבאלד דער זאך וואלט געקענט ערלעדיגט ווערן אויך דורך אנדערע (חיי מוהר"ן ת"ו, שיש"ק ב, רפ"ח)

### "זאג איך דיר, זאלסט תמיד זיין ראש השנה אין אומין! ערב ראש השנה זאלסטו זיך שטעלן אפילו אין מארק! אויף א ווינקל פון ווי מען קען זען דעם רבי'נס ציון, און דו זאלסט זאגן דארט די צען קאפיטל תהלים. דערנאך זאלסטו דאווענען ראש השנה אין אומין אפילו אין עפעס א פאליש פון סיי וועלכע שוהל!"

**רבי נתן** פאר זיין זוהן **רבי יצחק**, בשעת ער האט אים איינמאל געזאגט, "איך האף אז די זאך (פון קומען ר"ה קיין אומין צום רבי'נס ציון) וועט אנהאלטן ביז משיח וועט קומען, אבער מיט דעם אלעם, ווער ווייסט ח"ו וואס עס וועט נאך אלץ אריבערגיין דערויף צוליב די געוואלדיגע קטרוגים, אפשר וועט מען ח"ו נאך אמאל אפהאלטן און מען וועט נישט צולאזן בשום אופן צוצוקומען דארט צום ציון (שיש"ק א, שע"א)

### "אלעס וואָס דער צדיק הייסט, ברויך מען פאָלגן. נאר ווען ער הייסט נישט פאָרן צו אים אויף ראש השנה, דאָס דארף מען נישט פאָלגן"

אט דאס ברענגט **רבי נתן**, כלפי **רבי אהרן דער רב פון ברסלב** וואס דער רבי אליין האט אים געהייסן צוריק אהיימפארן אויף ראש השנה, אז ער האט געהערט פונעם רבי'ן, אז אפילו ווען **דער צדיק אליין** הייסט צוריק אהיימפארן מוז מען אים נישט פאלגן! (שיחות הר"ן, רי"ד)

### "קודם דארף מען זיך אליין מל זיין, ערשט דערנאך ליגט אויף דיר צו מל זיין דיין קינד!"

**ר' נחמן טולטשינער** פאר **ר' אליעזר לאדיזינער** וואס האט אים אנגעפרעגט אז היות עס האט זיך אים געמאכט אז ער וועט דארפן אריינברענגען זיין קינד **בבריתו של אאע"ה** אין ראש השנה – וואס ער זאל טון. זאל ער בלייבן ראש השנה אין לאדיזין צו מאכן דעם ברית, אדער זאל ער ענדערשער שטעלן א שליח. האט ער אים געענטפערט, עס שטייט אין פסוק: **"ומל ה' אלקיך את לבבך ואת לבב זרעך"**, זעען מיר, אז קודם קומט צו מל זיין די אייגענע הארץ, און ערשט נאכדעם די הארץ פון דיין קינד, און ער איז טאקע געקומען אויף ר"ה.

(שיש"ק ג, רע"א)

### "עס איז אַן 'אבידה שאינה חוזרת'"

**וואס ר' לוי יצחק בענדער ע"ה האט געהערט רבי אברהם רבי נחמן'ס זיך אויסדרוקן פאר עפעס א עלטערע איד, א קבצן, וואס האט איין יאר פארפעלט צו קומען צום קיבוץ אויף ר"ה (טעם זקנים)**

### "אפילו דער רבי זאל אונז (אוועק) טרייבן מיט דריקעס (באלקענעס) - וואלטן מיר אוועק געפארן פון דעם רבי'נס ראש השנה?"

**רבי נתן** און **רבי נפתלי** פאר **רבי אהרן דער רב פון ברסלב**, זעענדיג אים אוועקפארן צוריק קיין ברסלב ערב ראש השנה נאך וואס דער רבי אליין האט אים געהייסן צוריקפארן צו אים אין שטאט אריין! (שיש"ק ב, קי"ז)

ציטאטן און אויסדרוקן

### "אפילו איך וועל שטארבן אונטערוועגנס און באערדיגט ווערן אונטער א פארק (גדר), איז מיר אויך גוט! דער עיקר איז, איך האב געטון מיין השתדלות אנצוקומען קיין אומין אויף ראש השנה"

**רבי אפרים ב"ר נפתלי** (מגדולי תלמידי מוהרנ"ת זצ"ל) פאר זיינע קינדער וואס האבן אים געוואלט אפרעדן אויף די עלטערע יארן נאך וואס ער פלעגט זיך שלעפן פון ארץ ישראל קיין אומין יעדעס יאר אויף ראש השנה מיט אויסטערלישע מסירת נפש לויט די דעמאלטסדיגע אומשטענדן. (שיש"ק ה, קמ"ו)

### "איך האב מער מורא נישט צו פארן זיך משתטח זיין ביים הייליגן רבי'נס ציון, ווי איידער יא צו פארן טראץ די גרויסע סכנה"

**ר' לוי יצחק בענדער ע"ה אין זיין לעצטע ר"ה אין אומין שנת תרצ"ט ווען ער איז געווען אויף די געזוכטע ליסטע פון די ק.ג.ב. צו פארשיקט ווערן קיין סיביר אדער צו געהרג'עט ווערן, און דורכאויס די יאר איז ער געווען באהאלטן אין א קעלער, און זיינע נאנטע משפחה האבן אים פרובירט אפצורעדן פון דורכפירן אזא ריזיקאלישע נסיעה אין אזא מצב**

**(שיש"ק ו' תמ"ח).**

### "מען דארף וואוינען אין ארץ ישראל, און פארן קיין אומין אויף ראש השנה"!!!

**ר' לוי יצחק בענדער ע"ה** אין א שמועס שטעלט אראפ וואס **רבי אברהם ב"ר נחמן'ס** גאנג איז געווען. ווי אויך האט ער צוגעלייגט אז ר' אברהם ר' נחמן'ס איז דאך געווען **א ארימאן, א קראנקער,** און מיט דעם אלעם איז ער געפארן פון ארץ ישראל דורכאויס גאנצע **צוואנציג יאר** אין וואס ער האט געוואוינט דארט, אויף ראש השנה קיין אומין! (טעם זקנים)

### "דא צו לעבן (אויף די וועלט) און אין אומין אויף ראש השנה נישט זיין, איז מיר ערגער!"

נאך א אויסדרוק פון די רייד פון **רבי אפרים ב"ר נפתלי** פאר זיינע קינדער. ווי אויך האט ער זיך דעמאלטס אויסגעדרוקט: **"וואס קען איך שוין דערלייגן מער פון דעם: - אז איך וועל נישט זוכה זיין אנצוקומען קיין אומין אויף ראש השנה? - בין איך דאך כאטש געווען די פאריגע ראש השנה!** (שיש"ק ה, קמ"ו)

### "וואו איז דא א גרעסערער דבר האבוד פון נישט זיין אין אומין אויף ראש השנה?!"

**רבי נחמן פסח'לס** פאר איינע פון אונזערע לייט וואס האבן אים אנגעפרעגט אז היות עס האט זיך אים ליידער געמאכט אז ער דארף זיצן שבעה נאנט צו ר"ה און א אבל אין די **שבעת ימי אבילות** טאר נישט ארויסגיין פון שטוב נאר אויב עס איז א דבר האבוד אדער א ספעציעלע שאדן. (קונטרס הוספות לחי"מ, קט"ו)

### "אפילו ווען די וועגן זאלן ווען זיין אויסגעלייגט מיט מעסערס! וואלט איך געקראכן אויף די הענט און די פיס כדי צו קומען דארט אויף ראש השנה"

נאך א דיבור פון **רבי נתן** אויף די געוואלדיגע מסירת נפש אויף וואס מען דארף זיין גרייט פאר'ן רבי'נס ראש השנה

(שיש"ק א, שע"ב)

מכון משיב לשואל

718-362-8870

א"י
079.704.0073

ענגלאנד
033.0350.3064




אהרן סמואלס

**"רבותי, איך קום בעזר השם קיין אומין"**, האט דער אויפגעלייגטער קול - וועלכע אלע צוהערער האבן גוט געקענט - אַנאַנסירט מיט עקסטאז, **"עס האט זיך ארויסגעשטעלט, מיטן אייבערשטנס הילף, אז איך קען קומען... איך בין אויפן וועג צום עירפארט... מיטן רבי'נס כח וועלן מיר זיך אלע אינאיינעם זען ביים רבי'ן".**

די בלויזע אומשולדיגע הודעה וואס איז איבער געלאזט געווארן אויפן פריוואטן מעיל-באקס פונעם וועלט-באקאנטן "קול משיב לשואל", האט פארמאגט אונטער זיך לאנגע חדשים פון ענדלאזע רצונות און האפענונגען, עליות און ירידות, צייטן וואס מען האט שוין געמיינט אז אט אט זעט מען שוין דעם שיין ביים עק פונעם לאנג שטרעקיגן טונקעלן טונעל און אנדערע מער שווערע זמנים ווען די געזיכטן פון די קאלטע דאקטוירים זענען געווען פארשטייפט איבער געבנדיג די שווארצסטע בשורות וואס א מענטשליכן אויער קען נאר הערן.

שווארצע וואלקענעס האבן געהערשט איבער דעם צוקונפט און וואוילזיין פון אונזער באליבטן חבר מוה"ר אברהם געטץ ז"ל, זיין געזונט צושטאנד איז געשטאנען אויף א שרעקליכן מצב, די 'שווארץ-זאגערס' האבן פאראויסגעזאגט בלויז שלעכטס, אבער ביי אים אין הארץ איז ער בלויז באזארגט איבער 'וואס וועט זיין מיט'ן רבין'ס ראש השנה?!'. די דאקטוירים נעמען ארום זיין בעט, און באטראכטן די פילע מאשינען ארום זיין קאפ מיט ערנסטע געזיכטער, די מאשינען פייפן אומאויפהערליך איבער זיין שווערן מצב, אבער ביי אים איז בלויז פארהאן איין איינציגע דאגה: ראש השנה דערנענטערט זיך... וואס וועט זיין? צו וועל איך דארפן פארבלייבן אין שפיטאל, טויזענטער מיילן אפגערוקט פונעם שטאט אומין צו וועלכע מיין הארץ גייט אויס און בענקט נאך איר?

ר' אברהם, הנקרא בלשון חיבה ביי זיינע פריינד - 'אברמי', איז אויפגעוואקסן מיט א גלעצנדן חינוך ווערנדיג אויפגעצויגן אין א גאר חשוב'ע שטוב ביי זיינע געטרייע עלטערן, הרה"ח ר' משה דוד הי"ו ורעייתו תחי', אונטער א ווארעמע און חסידישע חינוך, זייענדיג א בית מלא תורה וחסידות. אין דעם שטוב האט אברמי קונה געווען זיין פעלזן פעסטע אמונה און ווארעמקייט צו יעדע דבר שבקדושה, און דאס איז וואס האט אים באגלייט דורך אויס זיינע אלע יארן. אין חדר און אין ישיבה קטנה האט ער געלערנט אין די מוסדות פון באבוב-45, ווי זיין משפחה געהערט, און האט זיך פיל ארויפגעארבעט אין אלע הינזיכטן, שטייגנדיג על במתי התורה והיראה.

אנקומענדיג קיין ארץ ישראל, ווי ער האט געלערנט אינעם באקאנטן 'טשעבינער ישיבה' האט ער זיך פילפאכיג מער אריינגעווארפן אין עבודת השם, פארמאגנדיג א הארץ וואס האט שטענדיג געשטרעבט צו העכערס, און אלעמאל געזוכט ארויסצוהעלפן א צווייטן איד. זיינע חברים פון ישיבה דערציילן שטענדיג ווי אלעמאל ווען עס האט זיך אויסגעפעהלט אז איינער זאל זיך אונטערנעמען סיי וואספארא אונטערנעמונג ארויסצוהעלפן א צווייטן, איז אברמי געווען דער ערשטער זיך אנצורופן.

ער האט זיכער געמאכט שטענדיג אז די נייע בחורים וואס קומען אן צום ערשטן מאל אין א גענצליך פרעמדן לאנד, זייענדיג ווייט אפגערוקט פון זייער משפחה און ביז-יעצטיגער סביבה, זאלן זיך שפירן היימיש און האבן אלע זייערע באדערפענישן, מאכנדיג זיכער אז זיי באקומען די בעסטע חברותות וואס איז נאר שייך, אז זיי זאלן ריכטיג קענען אויסניצן די געציילטע יארן ביזן חתונה.

*

דאס הארץ בענקט... הלב כוסף אל המעיין... אברמי'ס הארץ האט געבענקט און געזוכט שטענדיג נאך סיי וועלכע זאך וואס וועט אים נענטער ברענגען צום באשעפער... ארום אכצן יאר פון זיין לעבן האט ער שוין דורכגעשפרייזט איידער ער האט געוואנדן זיינע טריט צום היכל התורה פונעם גרויסן תולדות אהרן'ער ביהמ"ד אויף די מאה שערים גאס אין ירושלים עיה"ק, לערנענדיג דארט יעדן דאנערשטאג ביינאכט ביז די פריע פארטאגס שעה'ן.

אברמי גייט צום שאנק און ציט ארויס א גמרא מסכת שבת, שלעפנדיג מיט דעם נאך עטליכע ספרי ראשונים, איבער וואס ער וועט זיך פארטיפן די קומענדיגע שעות און שווימען אינעם ים התלמיד, זיך גרייטנדיג דערמיט צום שבת קודש. זיין קול איז שוין באקאנט פאר די 'ליל שישי קבועים' אינעם היכל, און זיין זיסער שטימע פארפילט גלייך דעם גרויסן היכל התורה מיט די הוויות דאביי ורבא, ווען אין די זעלבע צייט טוט ער בארואיגן זיין נאטירליכן בענקשאפט צום רבונו של עולם, כי הם חיינו ואורך ימינו.

די ווייזערלעך אויפן זייגער גייען אן אין זייער געוועגליכער רוטין, און דער זייגער ווייזט שוין אויף עטליכע מינוט נאך דריי, אט אט דארף ער שוין לויפן אין מקוה, אבער איין מינוט, עס פאלט אים איין א אייזערנער קשיא, ווי שטימט די ווערטער אין תוספות?! נישטערנדיג נאך א תירוץ גייט ער צי מיט איין אימפעט צום ספרים שאנק און נעמט ארויס א 'רבי עקיבא אייגר', ווענדנדיג זיינע טריט איבער די אפענע גמרא אויף זיין פלאץ. ער מישט אויף דעם רבי עקיבא אייגר, און א ברוין-קאלירפולן איינגעקנייטשטן צעטל גליטשט זיך ארויס פון צווישן די אויסגעהארעוועטע בלעטער...

זיינע אויגן פאלן אויף עטליכע ווערטער אינמיטן דעם בלעטל: "כי צריך האדם לחפש ולבקש למצוא בעצמו איזה מעט טוב, כדי להחיות את עצמו, ולבוא לידי שמחה", זיין הארץ וועלכע טראכט שטענדיג וויאזוי צו קענען א טובה טון פאר א צווייטע איד, פלאקערט אויף פון פרייד זעענדיג אזעלכע ווערטער ווי "אף על פי שהוא רשע, איך אפשר שאין בו מעט טוב עדיין? כי איך אפשר שלא עשה איזה מצוה או דבר טוב מימיו? ועל ידי זה שאתה מוצא בו עוד מעט טוב ששם אינו רשע, ואתה דן אותו לכף זכות, על ידי זה אתה מעלה אותו באמת מכף חובה לכף זכות! עד שישוב בתשובה על ידי זה!!!". פלוצלונג דערהערט ער גענצליך נייע וועגן וויאזוי א איד קען בפנימיות אינגאנצן איבערדרייען א צווייטן דורך קוקן אויף אים מיט א גוטע אויג.

זיין הארץ נעמט גלייך אין חשבון עטליכע פון זיינע חברים, און מיט גרויס אימפעט הייבט ער אן טראכטן גוטע מחשבות אויף עטליכע חברים וואס זענען ליידער דערווייטערט געווארן פונעם אייבערשטן. מיט זיין גאלדענער הארץ פרובירט ער זיך צו דערמאנען מינימאלע גוטע זאכן וואס די דערווייטערטע נשמות האבן אמאל געטון אינעם פארגאנגענהייט...

אבער, איין מינוט!

פון וואו קומען די רייד?

ווער איז דער וואס שרייבט אזעלכע הייליגע ווערטער?

זיינע אויגן פאלן אויפן קעפל פונעם בלאט, ווי עס שטייט געשריבן מיט קידוש לבנה בוכשטאבן –

אזמרה! - תורה רפ"ב - מספר הקדוש ליקוטי מוהר"ן!

דאס איז געווען דאס ערשטע מאל וואס אברמי האט זיך באגעגנט מיט זיין גרויסן רבי'ן, רביה"ק הנחל נובע מקור חכמה, וואס וועט אים אין די קומענדיגע יארן באגלייטן ביז זיין אייביגן רוה!

אברמי האט שוין נישט געקענט ווייטער ממשיך זיין יענע נאכט צו לערנען זיין געהעריגע סדר הלימוד, ער האט זיך געזעצט גרינטליך דורכלערנען "תורה רפ"ב". ער איז עס איבערגעגאנגען איינמאל און נאכאמאל, זיכער מאכנדיג אז ער געדענקט דעם גענויעם אינהאלט פונעם תורה, און נאר נאכדעם וואס ער האט שוין געקענט יעדעס איינציגסטן דעטאל אינעם תורה האט ער פארלאזט דעם היכל התורה, זיך גרייטנדיג צו דאווענען תפילת שחרית כוותיקין.

אבראמי איז ווייטער אנגעגאנגען אין זיין לעבן ווי בעפאר, אבער דעם באגעגעניש מיטן 'תורה רפ"ב' איז אים שוין קיינמאל נישט ארויס פון קאפ. עס איז געווען קלאר ביי אים אז ער וועט נאך איין טאג זיך באקענען מיט דעם גרויסן צדיק וואס האט געלאזט אנהערן אזעלכע מורא'דיגע עצות און דרכים אין עבודת השם. יענעם יאר, זייענדיג א חתן, איז ער טאקע געפארן אויף א שבת קיין אומין, זייענדיג צום ערשטן מאל ביים ציון פונעם הייליגן רבי'ן.

*

אבראמי האט חתונה געהאט בשעה טובה ומוצלחת, מיט די טאכטער פון הרה"ח ר' חיים שמואל ציזנער ע"ה פון בארא פארק, און זיך איינקווארטירט ארום די תורה הקדושה, די ד' אמות של הלכה, הארעווענדיג טאג און נאכט אינעם באבוב'ער כולל. אבראמי'ס הארץ האט אבער שטענדיג געצויגן צום אור מיט וועלכע ער האט זיך באגעגנט אלס בחור, און בלויז טיילווייז קענענגעלערנט לערנענדיג דעם תורה רפ"ב, און נאך פארשידענע תורות און ספרי חיזוק – א שטייגער ווי משיבת נפש וואס ער זעלבסט האט פארשפרייט צווישן בחורים אין ישיבה, זעענדיג די געוואלדיגע דברי התחזקות וואס מען קען ארויסנעמען דערפון.

אין איינס פון די טעג, זיצנדיג אין כולל לערנענדיג מיט זיין טעגליכער חברותא, האט אריינגעוואנדערט אין זיינע הענט א גליון 'נקודת האמת', וועלכע פלעגט ארויסקומען יעדע שטיק צייט, און לייענענדיג די ווערטער האט זיך פלוצלינג אויפגעוועקט אין אים דעם לעכטיגן אור וואס האט זיך ביז דאן געפינען אונטער זיין באוואוסטזיין... ער האט גענאשט די ווערטער פונעם הייליגן רבי'ן, און איז אריינגעגאנגען אין א מורא'דיגן ברען ווילנדיג וויסן עטוואס מער איבער דעם רבי'ן און זיינע תלמידים.

אנקומענדיג צום סוף פונעם גליון האט ער באמערקט אן אנאנס איבער א האטליין וואס רופט זיך 'אוצרות ברסלב', ווי עס געפינען זיך צענדליגע שיעורים און שמועסן אין דעם רבי'נס תורות און עצות. נאך זיצענדיג איבערן גליון האט ער שוין אריינגעלייגט דעם נומבער צווישן זיינע אלע קאנטאקטן אינעם טעלעפאן מיטן פלאן צוצוהערן צו די שיעורים אויפן האטליין.

זיך באקענענדיג מיטן האטליין, האט ער באמערקט אז עס געפינט זיך אן עקסטערן קנעפל ווי עס קומט פאר 'שיחת חברים' ווי פילע אידן – ברסלב'ע און אויך נישט ברסלב'ע צוגלייך – רעדן אינאיינעם ארום אין עבודת השם לויט די מים עמוקים פון רבי'ן. נאך א שטיק צייט ווי ער האט נישט פארפאסט קיין איין איינציגן מעסעדזש וואס איז איבער געלאזט געווארן אויפן ספעציעלן 'שיחת חברים קנעפל', און גענאשט מיט דארשט יעדעס איינציגסטן ווארט וואס איז געהערט געווארן, האט ער אויך אנגעהויבן איבערלאזן פראגן און קאמענטארן אונטער אן אנאנימער נאמען. אבראמי איז בטבע געווען גאר א קלארער מענטש, און ער האט געוואלט פארשטיין יעדע זאך גרינטליך, און אט דא האט ער געפינען א פריוואטן ווינקל ווי אלע זיינע פראגן אין עבודת השם ווערן אים מיטאמאל אויסגעקלאָרט.

אין איינס פון טעג איז אויסגעקומען אז ער איז געקומען אין א דירעקטע געשפרעך מיט א ברסלב'ן יונגערמאן פון די האטליין, און אזוי רעדנדיג איבער פארשידענע ענינים בעבודת השם פרעגט אים יענער צו ער איז א ברסלב'ער חסיד? אבראמי איז געווען אין א פארלעגנהייט, וויבאלד אין יענע תקופה האט ער זיך בכלל נאכנישט אנגעגעבן אלס ברסלב'ער חסיד, און האט בלויז געענטפערט פאר דעם יונגערמאן אז ער קען נישט זאגן אויף זיך אז ער איז א ברסלב'ער חסיד, אבער ער שעפט געוואלדיגע חיזוק פונעם רבי'ן און זיינע תלמידים.

אזוי רעדנדיג איבער די מורא'דיגע התעוררות און חיזוק וואס ער האט געטראפן ביים רבי'ן, איז ער אריין אין א מורא'דיגע ברען, זאגנדיג פאר דעם יונגערמאן – וועלכער וואוינט אינעם שטאט לעיקוואוד – אז דעם רבי'נס זאך איז גאר שוואך און איינגעשלאפן אין בארא פארק, עס דרייען זיך ארום פילע צענדליגע יונגעלייט און בחורים וואס בענקן צו הערן דעם רבי'נס רייד, אבער פארמאגן נישט די מעגליכקייט דערצו וויבאלד עס איז נישט פארהאן קיין רעגלמעסיגע סדר פון שיעורים און חבורות.

נאך ביים זעלבן שמועס איז באשטימט געווארן אז מען גייט אנהייבן צו מאכן א וועכנטליכע חבורה, ווי עס וועט פארקומען אויף א שטילע אופן אן קיין עקסטערע פראפאגאנדע, אזוי אז אויך נייע מקורבים זאלן זיך קענען באטייליגן ביים חבורה, און שטילן זייער דארשט.

דארט, ביים ערשטן חבורה, האט זיך איינער פון די באטייליגטע אנגערופן, אז די מודעות און שיעורים אויפן האטליין – וועלכע איז גערופן געווארן 'קול החבורה' – זענען נישט געהעריג מסודר און איינגעטיילט שיין. ווען אבראמי האט געהערט דעם פראבלעם האט ער גלייך אפגעמאכט אז ער וועט נעמען אויף זיך דעם פראיעקט פון מסדר זיין און אויסקלארן דעם גאנצן האטליין – דאס אלס, ווען ער האט זיך ניטאמאל פאררופן א ברסלב'ער חסיד, אבער דאס הארץ אינעווייניג האט געבענקט און געהאפט...

דער יונגערמאן מיט וועם אבראמי האט מיט אים געגרינדעט די חבורות דערציילט ווייטער:

עס איז בלויז אריבער געציילטע טעג, און איך באקום א טעלעפאן רוף, ווען אויפן אידי זעה איך אז עס איז אבראמי. איך הייב אויף דעם טעלעפאן, און ער זאגט מיר מיט שמעדיגע שמחה –

"דו ווייסט וואס? איך בין יא א ברסלב'ער!

ביי די מעמד הקמת מציבה האבן איינע פון די חשוב'ע איינגעשטעלטע אין זיין כולל, וואס האט שפעטער אויסגעהערט די אלע שמועסן וואס אבראמי פלעגט לאזן אין די שיחת חברים ליין,



ארויסגעהויבן דעם פונקט, ווער האט זיך געגלייבט אז אבראמי וועלכע דרייט זיך ארום אזוי אומ'אויפפאלנד צווישן אלע זיינע ארומיגע חברים אין כולל - דרייט זיך ארום מיט אזעלכע סארט דאגות ווי - "רבונו של עולם, וויאזוי קען איך אריבערגיין די דרייצענטע גאס אין בארא פארק", (וואס ער האט בלויז געדארפט דורכגיין אין א האלבע מינוט פון די פערצן'טע ביז די צוועלף'פע גאס כדי אנצוקומען אין כולל), "אן דעם וואס איך זאל ח"ו נכשל ווערן אין ראיות אסורות?"...

*

אין די קומענדיגע טעג און וואכן האט זיין הארץ און מוח נישט גערוהט קיין איינציגע ליאדע סעקונדע, ער האט זיך ארום געדרייט מיטן איין-איינציגע דאגה וויאזוי מען קען העלפן מענטשן ווערן נענטער צום אייבערשטן. זייענדיג א באטעמטער און צוגעלאזענער יונגערמאן מיט א אוזן קשבת, איז אנגעקומען צו זיינע אויערן פילע געשיכטעס איבער יונגעלייט און בחורים וואס ווילן זיך נענטער באקענען מיטן אור האורות דעם הייליגן רבי'ן, אבער פארמאגן נישט די מעגליכקייט דערצו זייענדיג אויסגעשאלטערט פון סיי וועלכער ברסלב'ער בית מדרש און ספרי רבינו, און פילע אנדערע וואס האבן נישט די מעגליכקייט צוליב זייערע נאענטע משפחה אדער חברים.

נאך עטליכע טעג איז אבראמי אנגעקומען מיטן נייעם בשורה אז ער האט געגרינדעט א נייעם האטליין וואס וועט זיין געווידמעט בלויז מיטן ציהל צו ענטפערן פראגעס אין עבודת השם לפי דעת קדשו פון רביה"ק מוהר"ן מברסלב! (א אויספירליכע באריכט איבער די פראמינענטע ליין "קול משיב לשואל" זעהט די ספעציעלע אינטערוויו נאך די ארטיקל).

זייענדיג פארנומען איבערן קאפ מיט א רייע פון פארשידענע ריזן פראיעקטן – און נאך פילע אנדערע צדקות וואס קיינער האט נישט געוואוסט דערפון – וואלט זיך געקענט דאכטן אז אבראמי האט נאכגעלאזט פון זיינע טעגליכע שיעורים קבועים, און זיין סדרי הכולל. אבער ניין, אבראמי פלעגט שוין לערנען מיט זיין חברותא אום פיר אזייגער פארטאגס. דאן האט ער ממשיך געווען מיט זיין 'זעקס אזייגער' – חברותא. דורכאויס די צופרי שעות האט ער פארמאגט א ספעציעלן טעלעפאן וואס קיינער – אויסער זיין חשובע אשת חיל תחי', און זיינע צוויי פארטאגס חברותות – האבן נישט פארמאגט דעם נומבער דערפון. אחוץ דעם איז ער דורכאויס דעם גאנצן טאג געזיצן און געלערנט מיט התמדה אין כולל.

אבראמי האט געשעפט זיין גאנצער חיות פונעם 'משיב לשואל פראיעקט', וויסנדיג אז ער טוט וואס עס ליגט אויף אים און וואס עס איז מעגליך צו טון נענטער צו ברענגען אידן צום אייבערשטן. הר"ר מנחם לאנדאסמאן פארציילט, אז ווען ער איז אמאל געקומען פון ארה"ק קיין אמעריקע, האט אים אבראמי געבעטן אז ער זאל מיטברענגען מיט זיך א באקס פון ליקוטי תפילות צו קענען מפיץ זיין אין אמעריקע. ר' מנחם האט אים געענטפערט אז ער וועט עס גערן טון, און אז ער וועט אנקומען אין אמעריקע אין די פריע פארטאגס שעה'ן. אבראמי האט אבער נישט נאכגעלאזט און געבעטן אז ווי נאר זיין פליגער וועט לאנדן אין אמעריקע זאל ער אים גלייך אנרופן און מעלדן וואס טוט זיך מיטן באקס.

תיכף ווען די פליגער האט געלאנדעט, אין די פריע פארטאגס שעהן, האט ער אים אנגערופן און געמאלדן אז די באקס געפינט זיך מיט אים, און ער האפט צו זיין ביז א שעה ביי זיין אכסניא אין בארא פארק. אנקומענדיג צום אכסניא איז ר' מנחם איבערראשט געווארן צו זען ווי אבראמי שטייט שוין פארנט פון די דירה, ווארטנדיג מיט עקסטאז איבער די נייע ליקוטי תפילות וואס ער וועט האבן די זכיה צו פארשפרייטן. אט דאס איז געווען זיין חיות.

דער פראיעקט האט אריינגעצויגן אין ריזיגע און אסטראנאמישע ציפערן וועלכע האבן געדארפט געשאפן ווערן פאר די אלע פראיעקטן וועלכע ער האט אונטערגענומען, א שטייגער ווי דרוקן די ליקוטי תפילות, פארקויפן ספרי רבינו פאר ביליג, אדווערטייזן דעם 'קול משיב לשואל', הערליכע קונטרסים אויף די תורה הזמנית – א זאך וואס איז געווען אויסדרוקליך זיין בייפאל און שפעטער האבן עס פילע ממשיך געווען – און נאך פילע אנדערע פראיעקטן.

*

אן אינטערעסאנטער עפיזאד האט זיין חשובער טאטע יבלחט"א, פארציילט ביים שבעה:

אייך טאג רופט אבראמי אן זיין טאטע און פרעגט

אים מיט אן ערנסטע שטימע, וויפיל געלט עס קאסט חתונה צו מאכן א קינד?! זיין טאטע האט געמאכט דעם שנעלן חשבון און געענטפערט אז עס קאסט ארום פופציג טויזנט דאללער א צד.

אברמי האט פארמאגט א חבר מיט וועם ער האט געלערנט אין ישיבה, וועלכע איז געקומען פון א צובראכענע שטוב און האט נישט פארמאגט די נויטיגע שטיצע און הילף פון זיינע עלטערן וואס זאלן אים אונטער פירן די חופה. אברמי, וועלכער איז געווען גרייט צו טון אלעס אין דער וועלט גרינגער צו מאכן פאר א צווייטן איד, איז אויסגעגאנגען פאר זיין חבר, און זיך אונטערגענומען אויסצוצאלן די גאנצע חתונה ביזן לעצטן דעטאל!

נאכן צוזאמשטעלן דעם אויסטראנאמישן סומע פון פופציג טויזנט דאללער, איז אברמי נאכאלץ נישט געווען צופרידן, טראכטנדיג צו זיך אז א נארמאלע יונגערמאן באקומט די מינימאלע שטיצע פון די עלטערן אויך נאך די חתונה אז ער זאל קענען בלייבן זיצן און לערנען אויף עטליכע יאר, אבער דער חבר וועט דאך דאס אויך נישט באקומען, נו, וואס טוט מען דא? נישט געזארגט, ביז עטליכע וואכן איז ער געקומען צו זיין חבר מיט נאך א בייטל פון פופציג טויזנט דאללער! דאס האסטו, אז דו זאלסט קענען זיצן און לערנען אומגעשטערט פאר די נעקסטע צוויי יאר...

עס איז געווען אינטערסאנט צו הערן דורכאויס די אלע שבעה טעג, דערציילט ווייטער זיין טאטע, ווען עס האט נישט אויפגעהערט צו שטראמען מענטשן, חברים, ידידים, משפחה א.א.וו. ווען יעדער איינער געבט זיך אן אלץ 'אברמי'ס בעסטער חבר'. ער האט געהאט א מורא'דיגע חוש צו געבן שפירן פאר זיינע ארומיגע א געפיל ווי יענער איז דער אייניגסטער מענטש וועמען ער געטרויעט און איז זיין נאנטסטער ידיד, דאס איז געווען אחוץ די קאמפלימענטס און א גוט ווארט וואס ער פלעגט קיינמאל נישט שפארן צו לאזן פאלן אין יענעמס ריכטונג - דאס הייסט, א פשוט'ע גוטסקייט פון א מענטש.

*

"מען גייט איין טאג ליגן מיט'ן פיס צום טיר"... (א אויסדרוק וואס מען נוצט אויף א נפטר) אט דאס איז געווען א מחשבה מיט וואס אברמי האט זיך שטענדיג ארומגעדרייט, און דאס האט ער אלעמאל געהאלטן פאר זיינע אויגן, "וואס נעם איך מיט מיר צום עולם האמת?!", איז שטענדיג געווען זיין דאגה. ער האט אנגעקוקט דעם גאנצן אמעריקאנעם הו-הא ווי א בלויזער אויג פארבלענדעניש, און האט פרובירט שטענדיג אריינצוברענגען ביי זיך און ביי זיינע ארומיגע דעם זכרון דעלמא דאתי.

זייענדיג קראנק האט זיך אמאל אויסגעשטעלט אז ער איז געפירט געווארן אויף א פריוואטן לוקסוריעזן פליגער פון ניו-יארק קיין קליוולאנד צו איינס פון די גרויסע דארטיגע דאקטוירים. נאכן אראפקומען פונעם פליגער האט אברמי אנגערופן איינס פון זיינע חברים און אים געזאגט מיט עקסטאז, "איך בין יעצט געווען אויף א רייכע הערליכע פריוואטן פליגער, און איך האב אנערקענט אז מען קען האבן די טייערסטע און באקוועמסטע לוקסוס, אבער גארנישט וועט נישט העלפן פאר'ן מענטש ווען עס קומט צו יענע וועלט... קוק אויף מיר, איך בין געווען אויף דעם, אבער איך בין טויט קראנק און שלאג זיך ארום מיטן מלאך המוות... גארנישט וועט נישט העלפן פאר'ן מענטש, בלויז דאס וואס ער האט אריינגעכאפט דא אויף די וועלט, וועט אים אנטקעגן קומען אויף יענע וועלט".



*

"טייערע חברים, איך דארף היינט דורכגיין א שווערע טעסט, זייטס מתפלל פאר אברהם בן הענא" איז געקומען איין טאג דער מעסעדש פון אברמי. לויט ווי עס האט זיך שפעטער ארויסגעשטעלט, בשעת אברמי האט געלאזט די מעסעדש איז ער שוין ליידער געווען א טאג נאך די טעסט און נאכן דיאגניזירט ווערן, נאר ער האט נישט געוואלט אריינפירן זיינע חברים אין א פלוצלינג'דיגע שאק, וואס דעריבער האט ער פשוט צוגעגרייט אן אריינפיר... בלויז א וואך פאר שבועות שנת תשע"ח איז אנגעקומען דעם ביטערן בשורה וואס האט באפאלן אלע זיינע חברים ווי א דינער אינמיטן העלן טאג, איבער די 'מחלה' וואס איז אנטדעקט געווארן ביי אברמי. סיי ווער עס האט אים נאר געקענט, איז שווער באטראפן געווארן מיט די ביטערע בשורה, בשעת אין זיין כולל האט זיך געטון אויף קעסל און כלים, קיינער האט נישט געהאט די קאפ אויפן פלאץ נאך די שווערע שמועה, איז אבער איינער געווען וואס איז געזיצן יענעם טאג אויפן פלאץ און געלערנט כאילו לא היה און איז די וויניגסטע באריערט געווארן פון דעם שרעקליכן מצב, דאס איז געווען אברמי זעלבסט.

אברמי ע"ה האט שטענדיג געלעבט מיטן זכרון פון עלמא דאתי, און דאס האט ער שטענדיג געהאלטן פאר זיינע אויגן. אט יעצט, ווען די 'עלמא דאתי' איז אים קעגן געקומען פאר זיין פנים, האט ער זיך בכלל נישט דערשראקן דערפון, טא, פארדעם האט ער זיך דאך געגרייט די לעצטע פאר יאר.

אין א געלעגנהייט האט ער זיך אויסגעדריקט צו איינס פון זיינע נאנטע חברים:

"איך בין בכלל נישט באזארגט איבער מיין צוקונפט, און אויך אויב איך וועל פארלאזן דער וועלט פריערהייט, ווייס איך אז עס איז דא איינער וואס גייט פאר מיר! דער רבי האט דאך געזאגט: מה לכם לדאוג, מאחרי שאני הולך לפניכם!"

ווען ער איז אמאל פארצויגן געווארן אין א לענגערן שמועס מיט זיין ידיד הר"ר מנחם לאנדאסמאן, האט ער אים געזאגט מיט א זיכערקייט:

"ר' מנחם, פאר מיך זעלבסט בין איך נישט באזארגט. איך ווייס ביי מיר, אז מיין אמונה אינעם רבונו של עולם איז גאנץ! די אייניציגסטע צער וואס איך האב, איז די צער וואס מיינע עלטערן און מיין ווייב דארפן דורכגיין...!"

*

אין איינס פון די טעג, ווען אברמי האט געדארפט אריינפארן אין שפיטאל פאר א רונדע פון טריטמענטס ה"י, וואס פלעגט זיך פארלאנגען אז ער זאל זיך אויפהאלטן א פולע וואך אין שפיטאל, האט אברמי זייער שטארק געוואלט אריינכאפן א מקוה איידער ער גייט אריין אין שפיטאל. וואוסנדיג אז עס איז נישט געזונט פאר אים צו גיין אין א אומריינע מקוה, האט ער זיכער געמאכט אויפצושטיין גאר פריה, ארום דריי אזייגער, צו קענען זיין דער ערשטער ביים לאקאלן מקוה.

אנקומענדיג אהין האט ער אנערקענט אז דער אטאמאטישער סיסטעם פון דעם דרייעדיגן-טויער ביים מקוה איז פאררוקט, און טראצדעם וואס עס דארף זיך געווענליך עפענען אום דריי אזייגער, איז עס אבער נאכאלץ פארמאכט. נישט ווילנדיג פארפאסן דעם מקוה, און זעענדיג אז ער האט נישט קיין וועג אריין, האט ער מיט זיינע שוואכע כוחות צוגעשלעפט צום טיר א בענקל און זיך אראפגעזעצט דערויף און אנגעהויבן מאכן התבודדות. ביים ענדע פונעם שעה, נאך פיר אזייגער, ווען ער האט שוין פארענדיגט זיין התבודדות, האט זיך דער טיר ענדליך געעפענט פאר אים. מסירות נפש פאר א מקוה! מסירות נפש פאר התבודדות!

אויך אין זיינע שווערסטע טעג איז אברמי אנגעגאנגען מיט איבערמענטשליכע שטארקייט, און גארנישט נאכגעלאזט פון זיך. אין איינס פון די טעג, ווען איינס פון זיינע נאנטע חברים זענען אים געקומען באזוכן צום ערשטן מאל זייענדיג אין שפיטאל, האט דער חבר זיך ארומגעדרייט אין די ענדלאזע קארידארן פונעם שפיטאל, זוכענדיג פאר'ן צימער ווי אברמי האלט זיך אויף. אנקומענדיג אויף איינס פון די שטאקן, הערט ער ארויס פון א זייטיגע צימער ווי איינער דאווענט הויעך מיט א אנגענעמער קול, אריינברענגענדיג א טיילוויזער באראיגונג אין די גלידער אין אזא אומאנגענעמע ארט... ער געבט א בליק אריין אינעם צימער און צו זיין שטוינונג זעט ער ווי אברמי זיצט איבערגעבויגן איבער א ליקוטי תפילות און גיסט זיך אויס דאס הארץ, "טאטע, איך וויל ווערן נאנט צו מיר, העלף מיר אז אויך אין די שווערסטע צייטן זאל איך חלילה נישט פארלירן מיין אמונה אין דיר".

יעדעס מאל פאר ער איז אריינגעגאנגען אין שפיטאל, האט ער זיך איינגעפאקט א גאנצע רענצל פון ספרים, און טאקע דורכאויס זיין קורצע קראנקהייט האט ער אנגעיאגט צו ענדיגן כמעט די גאנצע צוויי ערשטע חלקים פון משנה ברורה!

מיט א זיסקייט פלעגט ער מסביר זיין פארוואס ער לערנט מסכת "תענית", צו וויזן אז ער פארמאגט חלילה נישט קיין שום "טענות" אויפן אייבערשטן... אויך האט ער מסיים געווען אין יענע טעג מסכת מגילה, זאגנדיג אז מיטן מגילה קען מען אויסרייסן דעם גאנצן 'עמלק' – דעם פארשאלטענעם מחלה... אנדערע האבן געמיינט אז דער עמלק איז בלויז א משל אויף יענע מעשה, אבער אברמי האט זיך ווארשיינליך אויך געטוען גרייטן דערמיט אויפן עולם שכולו טוב, אויסצורייסן דעם אייגענעם עמלק, די שלעכטע תאוות און מידות רעות וואס א מענטש פארמאגט.

אן אינטערסאנטע אנעקדאט דערציילט דער חבר:

זייענדיג נאנט מיט אברמי, פלעגט ער מיר דערציילן אויך זאכן וואס ער פלעגט נישט רעדן צו אנדערע, און אזוי אויך איז אויסגעקומען אז מיר האבן זיך גערדייט אסאך אינאיינעם, לערנענדיג מיט אים בחברותא. אין איינס פון די טעג האב איך אויפגעכאפט אז ווען עס קומען ארויף צו אים באבוב'ע חברים אים צו באזוכן, וועט ער שטענדיג מקפיד זיין צו באהאלטן אלע ספרי ברסלב. ווען איך האב אים אנגעפרעגט וואס איז דער אורזאך דערפון, יעדער איינער ווייסט דאך סייווי אז ער איז א ברסלב'ער חסיד און ער רעדט דאך שטענדיג צו אנדערע דערוועגן. האט ער מיך געענטפערט מיט אן ערנסטע מינע: גערעכט, אלע ווייסן טאקע אז איך בין א ברסלב'ער, אבער ווען איינער איז זיך מטריח און קומט ארויף צו מיר מבקר חולה זיין, וויל איך אים נישט מצער זיין! אט דאס איז געווען אברמי'ס מהות – פירט דער חבר אויס – ער האט שטענדיג זיכער געמאכט אז יעדער איינער שפירט זיך באקוועם אין זיין געזעלשאפט.

אין איינס פון די טעג, זייענדיג אין שפיטאל נאך א שווערע וואך פון באהאנדלונגען, זענען אנגעקומען עטליכע יונגעלייט אים צו באזוכן. ווי אברמי'ס שטייגער האט ער זיי ווארעם אויפגענומען, און גלייך פארבעטן צו לערנען מיט אים. אברמי האט גענומען די גמרא אין היינט אריין, און זיך געזעצט לערנען מיט א פלייס ווי כאילו ער זיצט יעצט ביי זיך אין סאלאן... נאכן לערנען צוויי בלאט גמרא מיט רש"י, האבן איינע פון די חברים ארויסגעשלעפט א 'טעגליכע בולעטין צעטיל', ווייזנדיג פאר אברמי די נייעס וואס עס קומט פאר אין שטאט.

אברמי נעמט די צעטל אין האנט אריין, ער קוקט רעכטס און לינקס, און דאן רופט ער זיך אן צו זיי:

וואס זאל איך טון, זייענדיג קראנק קען איך זיך נישט קאנצענטרירן אין קליינע ווערטער און אותיות, און עס קומט מיר אן שווער דאס צו ליינען... – אט דאס זענען געווען זיינע ווערטער נאכן פאַרלערנען צוויי בלאט גמרא!

אין א אנדערע געלעגנהייט, ווען זיין חברותא איז אריבערגעקומען צו אים אהיים און מען האט באקוועם געלערנט אינאיינעם פאר עטליכע שעה, האבן זיך פלוצלינג באוויזן א גרופע פון זינגערס און שפילערס וועלכע זענען אים געקומען משמח צו זיין. אברמי האט זיי געגעבן די פולע הרגשה אז אַן זיי וואלט ער נישט געקענט ממשיך זיין, און אז זיי זענען געקומען ממש אינעם ריכטיגן מינוט אים צו טרייסטן... נאכדעם וואס זיי האבן פארלאזט דעם שטוב, רופט ער זיך אן צו זיין חברותא, "א שאד,

פונקט ווען איך פארמאג שוין ענדליך אביסל כוחות צו קענען לערנען, פונקט דאן קומען זיי אן... ווען איך האב תורה דארף איך נישט גארנישט..."

אין די טעג פון זיין קרענק האט ער זיך אריינגעווארפן ווי קיינמאל בעפאר אין די ספרים פונעם רבי'ן אין זיינע תלמידים, אויסניצנדיג די לעצט פארבליבענע כוחות – וואס ער האט אויך נישט פארמאגט, און ווען א ברסלב'ער חסיד האט זיך באוויזן ביים שוועל פון זיין צימער אין שפיטאל, האט ער אים גלייך פארבעטן זיך אראפצוזעצן נעבן אים און לערנען אינאיינעם א הלכה אין ליקוטי הלכות. אזוי אויך, איז ער אין די טעג געגאנגען מיט תורה א' תניינא ווי דער רבי רעדט וועגן אויסלייזן די תפילות וואס דורכדעם פאלן אוועק אלע רפואות פון די דאקטוירים און מען וועט מער נישט דארפן צוקומען דערצו.



אפילו אין זיינע שוואכסטע טעג איז ער ווייטער אנגעגאנגען מיט זיין אומגעהויערע עקשנות דקדושה, לערנענדיג גרינגערע ספרים פון רבי'ן, א שטייגער ווי סיפורי מעשיות אין וואס ער פלעגט שטענדיג קאכן דערין, און איבערהויפט יעצט ווען ער איז געווען כוח-לאז, איז דאס געווען די איינציגסטע ספר וואס ער האט געקענט לערנען, און אט דאס האט ער געלערנט שעפנדיג יעדעס ווארט פון רבי'ן מיט א געוואלדיגע סיפוק און שמחה.

אידן וועלכע זענען אים געגאנגען באזוכן דורכאויס זיין קראנקייט זענען געשטאנען ווערטערלאז, ווען זיי האבן געמיינט אז זיי קומען מחזק זיין דעם חולה, אבער דערווייל זענען זיי גאר ארויס מחוזק פון זיין פעלזן פעסטע אמונה, וואס האט אים ערמעגליכט אנצוגיין מיט א שטענדיגע שמחה, אויך אין זיינע שווערסטע טעג.

*

אויך אין די ביטערע שווערע טעג, אדורכגייענדיג אויסמאטערנדע טריטמענטס ה"י, האט אברמי פאר קיין רגע נישט געפלאנט אויפצוהערן מיט זיינע גראנדיעזע פראיעקטן. די סדר פון די טעראפי איז געווען אז יעדע רונדע פון קימא האט פארנומען דריי וואכן. די ערשטע וואך איז ער געווען צוגעשמידט צום קראנקן בעטל אין שפיטאל, ווי ער איז געפיטערט געווארן מיט די שמערצליכע קימא פליסיגקייטן, און דערנאך איז ער אהיימגעקומען ווען די צווייטע וואך איז ער געווען שטארק אפגעמוטשעט און נישט פארמאגט די מינימאלע כוחות צו קענען טוען סיי וואס. די דריטע וואך איז ער שוין טיילווייז צוריקגעקומען צו די כוחות – זיך גרייטנדיג פאר די קומענדיגע רונדע פון קימא – און אין יענע וואך איז ער אנגעגאנגען מיטן פולסטן קראפט.

דורכאויס די ערשטע צוויי וואכן, ווען עס איז געווען אוממעגליך צו טוען סיי וואס, האט ער קלאר געמאכט א גענויע ליסטע פון זאכן וואס וועלן געטון ווערן אין די דריטע וואך, און ווען די דריטע וואך איז אנגעקומען האט ער זיך אריינגעווארפן פלייסיגערהייט און אנגעפירט ווייטער מיט זיינע פראיעקטן ווי כאילו גארנישט וואלט פארגעגאנגען מיט אים. אין די וואכן האט ער גענצליך רענאווירט דעם קול משיב לשואל האטליין, און זיכער געמאכט אז אלעס גייט אן ווי ביז דאן.

*

אין איינס פון די טעג, האבן איינע פון אברמי'ס חברים באשלאסן אז ער וויל אים מחי' זיין, און ער האט אראנדשזירט אז דער פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאטן, דאנאלד טראמפ יר"ה, בכבודו בעצמו, אינאיינעם מיט נאך עטליכע גרויסע שישקעס אינערהאלב די רעגירונג, האבן אפגעשריבן א הערליכע בריוו ווי זיי טוען אים מחזק זיין אז ער זאל זיך שטארקן אין זיינע יעצטיגע שווערע טעג און אים אנגעוואונטשן א ווארעמע רפואה שלמה... פאר אברמי - וועלכע האט האט קיינמאל אין זיין לעבן זיך נישט געזוכט אזעלכע סארט זאכן, איז די גאנצע שטורעם פון די געשיכטע פונעם בריוו נישט געווען אזוי באקוועם. שפעטער, ווען ער האט צוריקגעהערט אז עטליכע בחורים וועלכע האבן ליידער זיך גדראפעט אויף גראדע ווענט אין אידישקייט האבן ארויסגענומען א חיזוק דערפון, אז דער גרויסער פרעזידענט פון אמעריקע שיקט א בריוו צו א היימישן יונגערמאן... הערשט דאן איז ער געקומען צו זיך, זיך אנרופנדיג צו איינע פון זיינע פריינד אז אויב איינער האט געקענט באקומען חיזוק דערפון צו לייגן תפילין, דאן האט זיך עס כאטש אויסגעצאלט...

*

ראש השנה ממשמש ובא... טאטע אין הימל, ווי קען איך פארפאסן דעם רבי'נס ראש השנה? – אט דאס זענען געווען די מחשבות וואס זענען ביי אים געלאפן אין קאפ אין די חדשים איידער ראש השנה. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז זיין ענדגילטיגע אפעראציע ווי מען האט געדארפט גענצליך אויסרייניגן דעם פארשאלטענעם געוויקס, האט געדארפט פארקומען געציילטע טעג פאר ראש השנה, וואס וואלט געמיינט אז עס וועט נישט זיין מעגליך אז ער זאל קענען פארן קיין אומין אויף ראש השנה. איין זאך האט אים אבער דערפרייט דאס הארץ, וואוסנדיג אז ער האט שוין געקויפט א טיקעט קיין אומין נאך איידער ער איז קראנק געווארן.

אברמי האט שוין אין די לעצטע צוויי יאר געבראכן שווערע מניעות אנצוקומען צום הייליגן רבי'ן, ווען ביים ערשטן נסיעה קיין אומין אויף ראש השנה האט ער געהאט געקויפט א טיקעט אויפן געפלאנטן טשארטער פליגער וואס האט געזאלט ארויספארן פון אמעריקע דירעקט קיין קיעוו בלויז מיט אידן, וואס איז אינעם לעצטן מינוט אפגעהאלטן געווארן און איז נישט ארויס געפארן. פילע אידן האבן זיך געטראפן אויפן וואסער פון איין מינוט אויפן אנדערן און נישט געוואוסט צו זיי וועלן נאך בכלל קענען אנקומען אויף ראש השנה. אברמי, מיט זיין שטענדיגער שטארקייט, האט זיך פלינקערהייט איינגעהאנדלט א נייע טיקעט – צאלנדיג דערפאר א פעטן פרייז – מיטן 'לופטהאנזא' לופט-אוואַציע, אבער פון הימל האט מען געוואוסט אברמי'ס שטארקע כוחות, און ער איז געשטעלט געווארן אונטער נאך א פארהער, ווען אויך די פליגער האט אינעם לעצטן מינוט איידער זיך הייבן – אריינגעהאקט אויף א מילדער פארנעם אין א דערנעבענדיגן פליגער, און די רייזע איז אפגערופן געווארן. מיט איבערמידליכע כוחות איז אבער אברמי געשטאנען אין ווייניגער פון אכצן שעה, אויפן אוקראיינישן באדן.

פאר די שרייבער פון די שורות ליגט נאך אין די ביינער, ווען איך האב שפאצירט אויפן פושקינא גאס – גייענדיג צום ציון געציילטע שעה'ן איידערן זמן ראש השנה, זעה איך אינדערמיט א דארער הויכער יונגערמאן – וועלכע די פנים שטראלט פון פרייד און גליקליכקייט, "האסט זיך געגלייבט?", פרעגט ער מיר מיט עקסטאז, "איך זאג דיר דער רבוש"ע האט מיר מנסה געווען מיט עשר נסיונות ביז איך בין אנגעקומען אהער, אבער מיט'ן כוח פון רבי'ן שטיי איך דא". אה, ווי נעמט מען אזא שמחה ביי יעדעס דבר שבקדושה.

אבער, יעצט, ליגנדיג אין שפיטאל ארומגענומען מיט דראטן וועלכע לאזן זיך הערן יעדע פאר מינוט מיט שרעקעדיגע מעלדונגען – האט אויסגעקוקט ווי די מצב איז הילפלאז --- עס האט נישט אויסגעקוקט ווי עס איז בכלל פארהאן סיי וואספארא שאנסן אז אברמי זאל קענען דערגרייכן זיין וואונטש. אבער, מיט עקשנות קען מען אלעס.

דו קענסט מיר אפשר מסביר זיין די באדייט פון די ווערטער "יש ענין שנתהפך הכל לטובה?!" פרעגט ער איין טאג זיין חבר ר' מיכל ליכטענשטיין. זעענדיג וואו אברמי וויל עפעס ארויסברענגען פרעגט ער אים נו, וואס? וואס מיינסטו צו זאגן? אברמי זאגט אים גלייך, איך האב געטראכט אז די פשט איז, "יש ענין שנתהפך" עס איז דא אזא זאך אז אלעס דרייט זיך און קערט זיך איבער, אבער "לטובה" עס שטעלט זיך ארויס אז דאס איז אלעס לטובה. וואס איז די מעשה? געציילטע טעג איידער די אפעראציע האט געזאלט פארקומען, זענען די דאקטוירים אויפגעשוידערט געווארן אנטדעקנדיג א נייע געוויקס אויפן שדרה, וואס זיי האבן ביז דאן נישט געהאט באמערקט. אלע פאראויסגעפלאנטע מעדעצינישע באהאנדלונגען זענען געקומען צו א פולקאמער אפשטעל, מורא האבנדיג אויף די ערגסטע. די שטייפע דאקטוירים האבן געלאזט וויסן פאר די משפחה אז אדער איז עס גארנישט אדער איז דאס די ערגסטע שטאפל וואס קען נאר זיין... די מצב איז געווען פארנעפלט, מען האט נישט געוואוסט וואס די נעקסטע שריט וועט זיין.

די געטרייע משפחה האט זיך ארומגעדרייט מיט פארקלעמטע הערצער אין די טעג, געמיינט האט מען אז אט אט האלט מען שוין ביים עק פונעם טונעל, און אט דא באגעגנט מען זיך מיט אזא צרה. אבער ביי אברמי, וואס האט גאנץ גוט געוואוסט איבער זיין געזונט צושטאנד, האבן זיך אין קאפ געדרייט גענצליך אנדערע מחשבות, נאכן הערן פונעם הויפט דאקטער אז די אפעראציע וועט ממילא מוזן ווערן אפגעשטופט. ביי אים אין קאפ האט יעצט געבליצט די ווערטער 'אומין ראש השנה'. אויב איז נישטא קיין אפעראציע, דאן מיינט דאך עס אז ער קען פארן צום רבי'ן. - יש ענין שנתהפך - לטובה!

אין איינע פון די טעג האט אברמי ערהאלטן א טעלעפאון רוף פון ארץ ישראל – במעמד פון זיינע עלטערן. ווי שאקירט איז ער געווען ווען דער איד פונעם אנדערן זייט טרייבל האט זיך אנגעגעבן אלס הרה"צ רבי יעקב מאיר שעכטער שליט"א. הרה"צ רבי יעקב מאיר זאל זיין געזונט האט אים אנגעווינטשן אז ער זאל זיך גענצליך ארויסדרייען פונעם ביטערן פעקל, און דאן אויסגעפירט צו אים: דו זאלסט זוכה זיין צו זיין ביים רבי'ן ראש השנה, ביים רבי'ן ראש השנה!".



--- בלויז געציילטע טעג זענען אריבער און אין קאר וועלכע שלענגלט זיך איבערן בי.קיו.אי. הייוועי אין ברוקלין, הערשט א פרייליכע און העכערע אטמאספערע – זיין גוף ארבעט טאקע נישט מיט, אבער ביי אים אין הארץ האט געהערשט א גייסט פון העכערקייט. ווער האט זיך דען געגלייבט אז ער וועט האבן די זכי' זיך צו קענען באטייליגן ביים קיבוץ דעם יאר? אבער אמונה און רצון קען שפאלטן אלע מניעות און שוועריקייטן – און ווער דען אויב נישט אברמי קען דאס אויפווייזן?!

מיט שוואכע כוחות, אבער מיט ענדלאזע עקשנות, האט ער געמאכט דעם שווערן וועג פון אמעריקע קיין אוקראיינע – זיצנדיג אויפן פליגער אין א פשוטע עקאנאמי זיץ צוזאמגעשטופט אויף שמאלע ענגע זיצן ווי עס פאסט זיך פאר די אונטערשטע טייל פונעם פליגער. אבער גארנישט האט נישט געקענט צושטערן זיין העכערע געפיהל איבער די זכי' וואס ער האט געשפירט אין הארץ.

אין אומין זעלבסט האבן געטרייע עסקנים זיכער געמאכט אז ער באקומט א הערליכע פריוואטער צימער אינעם 'חושן' האטעל, אבער די אלע פיטשעווקעס אינעם צימער האבן גארנישט געווירקט אויף זיין נפש, ביי אים אין קאפ האט זיך בלויז ארומגעדרייט געדאנקען און מחשבות וויאזוי אויסצוניצן דעם ראש השנה ביזן קלימאקס, און זיך אויסבעטן פרייליכע און געזונטע יארן, "אז די דאקטוירים קענען גארנישט, קען אבער דער רבי אלעס", האט ער זיך אויסגעדריקט.

אברמי, וועלכע איז אין די יעצטיגע טעג געווען אין א שווערן געזונט צושטאנד, האט גאנץ גוט געוואוסט איבער זיין מצב, און נאך איידער די רעזולטאטן פון די דאקטוירים זענען צוריקגעקומען, האט ער שוין מרמז געווען פאר זיינע נאנטע אז ער שפירט אז די צייט דערנענטערט זיך. אין די טעג האט ער זיך מחזק געווען מיטן דיבור וואס רבי נתן האט זיך אויסגעדריקט נאך זיין פטירה פאר זיין ידיד רבי נפתלי – "איך? גלייך צום רבי'ן!"... אברמי האט געשפירט ביי זיך די פולסטן מאס רואיגקייט, אז ער אין זיין קורצער לעבן האט געטון אלעס אין דער וועלט וואס עס איז אים נאר מעגליך געווען, אויף צו מפרסם זיין דעם נאמען פונעם הייליגן רבין, איך, גלייך צום רבי'ן, און טאקע ביים רבי'ן!

*

שבת היא מלזעוק... די געזונטהייט מצב האט זיך געהאלטן אינאיין פאר'ערגערן, און זיינע כוחות זענען געווארן מיט וואס-א-מינוט וואס איז נאר פארבייגעגאנגען שוואכער. דורכאויס די נאכט שעה'ן פון פרייטאג-צו-נאכטס האט ער נישט געקענט פארמאכן קיין אויג צוליב די שווערע יסורים. זיין נפש האט אבער נישט נאכגעלאזט, און אינמיטן די נאכט שעות האט ער באשלאסן צו גיין צום ציון הקדוש. זענדיג אז זיין באגלייטער – האברך החשוב ר' יעקב גליק –שלאפט זיך אזוי געמיטליך, האט ער אים נישט געוואלט אויפוועקן, און האט זיך שטילערהייט אליינס ארויסגעשלייכט פון צימער, און איינער אליינס, אינעם פינסטערן נאכט, האט ער געמאכט דעם שווערן וועג ביזן ציון, זיך שלעפנדיג טריט נאך טריט מיט שרעקליכע יסורים און שמערצן. דערנאך, שבת צופרי איז ער נאך געקומען אין ביהמ"ד אינעם נייעם קיבוץ אויף רחוב קוליקה, ווי ער האט נאך עספיעט צו קויפן אן עליה צו עולה זיין לתורה.

יענעם מוצאי שבת, איז אנגעקומען די שווערע בשורה, אז די רעזולטאטן זענען צוריקגעקומען – דער מצב איז שמאל. גאר שמאל. א הארץ האט געקענט אויסגיין הערנדיג די שווערע בשורה. אבער אברמי, ווי פריער ערוועהנט, האט זיך בכלל נישט דערשראקן, ער האט געשפירט שוין די לעצטערע טעג אז די זייגער לויפט אויס, און דעם בלויזן פאקט אז ער געפינט זיךביים ציון פון זיין הייליגן רבי'ן האט אים געגעבן די גרעסטע רואיגקייט, ער איז געווען פארזיכערט מיטן טייערסטן אינשורענס – מה לכם לדאוג?! איך, גלייך צום רבי'ן!

דורכאויס די קומענדיגע טאג האט זיך די מצב בלויז פאר'ערגערט, אבער מיט די לעצט פארבליבענע כוחות האט זיך אברמי ארויפגעשלעפט ערב ראש השנה צום ציון מיט א ראדשטוהל מיט די הילף פון זיין באגלייטער, ווילנדיג אריינכאפן דעם תיקון הכללי ערב ראש השנה ביים ציון און וידוי דברים זיך אויסצואווינען און אויסגיסן דאס הארץ צום אייבערשטן אויף אט די מקום קדוש.

ראש השנה ביינאכט האט ער שוין נישט פארמאגט די כוחות צו קענען פארלאזן זיין צימער אינעם האטעל, און מיט די לעצטע כוחות, שפירנדיג ווי דאס לעכטל גייט באלד אויס, האט ער בלויז געקענט שעפשן עטליכע ווערטער צום אייבערשטן, און האפן אויף די בעסטע.

*

ויאמר ה'... העלהו שם לעולה אל אחד ההרים... דארטן אויפן בארג... **ויאמר; אברהם אברהם, ויאמר הנני! יא, איך בין גרייט!!** (מתוך הקריאה של ר"ה, עקידת יצחק)

**עשיתי ככל אשר ציויתני!**

אין די צייט ווען צענדליגע טויזענטער אידן האבן זיך געשלענגלט אראפ די שמאלע טרעפן צום תשליך-טייך, אינעם קליינעם צימער אינעם חושן האטעל, אומגעפער פיר אזייגער נאכמיטאג, האט די לעכט אויפגעהערט ארויסגעבן שטראלן פון ליכטיקייט, ווען ר' אברהם ע"ה בן יבלחט"א מוהר"ר משה דוד געטץ האט אויסגעהויכט זיין נשמה צום אייבערשטן, במעמד א מנין אידן, טאקע 'גלייך ביים רבי'ן', אומקערנדיג זיין לויטערע נשמה, א גוף וועלכע האט גארנישט גענומען פאר זיך, און שטענדיג געטראכט און געטון בלויז פארן אייבערשטנס וועגן, צו איר פאטערליכער שויס - אויבן אין הימל.

מוצאי ראש השנה איז פארגעקומען די מסע הלויה אין אומין, ווי די מיטה איז אויך גלייכצייטיג אדרוכגעפארן פארנט פונעם ציון, ווי עס האט זיך אפגעשטעלט פאר געציילטע מינוטן, צו די צער פון די טויזענטער פארזאמלטע. אויך אזעלכע וואס האבן קיינמאל נישט געקענט דעם נפטר, זענען מיטגעשלעפט געווארן נאכ'ן מיטה, זעענדיג וואספארא ארט דער נפטר האט פארנומען ביי אלע וועלכע האבן אים געקענט.

הרה"ח ר' יצחק פריעדמאן שליט"א האט מספיד געווען מיט געציילטע ווערטער, שרייענדיג מיט א געשטיקטע קול געמישט מיט ביטערע טרערן: רבי, רבי, קוק וואס מיר ברענגען פאר דיר... דו האסט דא פון די שענסטע און בעסטע... א קרבן ציבור עולה לשם!

ת.נ.צ.ב.ה.

א ספעציעלער דאנק פאר זיינע חברים און ידידים וואס האבן געהאלפן צוזאמצושטעלן דעם הערליכן ביאגראפיע, און איבערהויפט פאר זיין חברותא **ר' ישכר מיללער, ר' יחיאל מיכל ליכטנשטיין, ר' שמעון יום טוב הלוי יאזשעף און ר' אברהם שמחה האלד.**




יוסף לעווי

# א חדוש אין די שו"ת וועלט



**געווידמעט לע"נ חברינו הבלתי נשכח האברך**
**היקר מוהר"ר אברהם געטץ ע"ה**
**- מייסד המכון לרגל כלות השנה לפטירתו -**
**יום א' דר"ה שנת תשע"ט**

פון צווישן אלעס סארטן רעקלאמעס, קלאסיפיידס, מודעות, אינערהאלב אלע סארט בראשורן, אויסגאבעס, ביזנעס קארטלעך דורכאויס גאנץ ניו יארק, ווי עס ליגט כסדר אויסגעשטעלט וואס יעדער האט צו פארקויפן; דער א שפאגל נייע קאר, דער א גוטע דיל אויף א רחבות'דיגע דירה, דער א נייע נארהאפטיגע עסן געשעפט, דער א שפאט ביליגע סעיל אויף א נייער אנצוג, א.א.וו. באגלייט מיט אלע סארט ציענדע קאלירן און פארכאפנדע ווערטער - שטארצט ארויס א אומגעווענטליכע אומשולדיגע אבער צייגנדע רעקלאמע וואס לייענט זיך ווי פאלגענד: "פאר אלע אייערע שאלות אין עבודת השם קענט איר רופן "מכון משיב לשואל" בייגעלייגט א לאקאלער טעלעפאן נומער".

לרגל די ערשטע יארצייט פון די מייסד פון די וועלט בארימטע מכון משיב לשואל לאזט זיך די רעדאקציע פון חיים נצחיים ארויס אפצוהאלטן א ספעציעלע אינטערוויו מיט די יו"ר המכון - הרב **יחיאל מיכל ליכטענשטיין** שליט"א, צו הערן א אויספירליכע באריכט וואס פונקטליך שפילט זיך אפ אינערהאלב די קוליסן פונעם מכון, ווי איר וועט זיך גלייכצייטיג באקענען מיט אומבאקאנטע פאקטן איבער אלעס ארום די מכון, וויאזוי איז דאס איז צושטאנד געקומען? ווער שטייט אונטער דעם? וואס שליסט דאס אלץ איין אין זיך?. לייענט מיט פארגעניגן.

‹‹

מכון משיב לשואל

**קודם כל, א גוטן ר' מיכל, שלום עליכם.**

יא, עליכם השלום.

**אצינד לאמיר אייך פרעגן אזוי. איך האב שוין דורכאויס מיין לעבן געזען פארשידענע שו"ת אפטיילונגען סיי אין הלכה אדער אין גמרא, און להבדיל אויך אין די דרויסנדיגע וועלט ווי עס איז פארהאן אלע סארטן סערוויסעס ווי מען קען אנפרעגן און געענטפערט ווערן אויף אלע סארטן פראבלעמען און שוועריקייטן גייסטישע ווי פיזישע צוגלייך, אבער אזאנס האב איך נאכנישט בייגעוואוינט, א ווינקל פאר שו"ת איבער אלע טעמעס אין עבודת השם, איז אפשר קענט איר אונז אראפלייגן די סאמע ערשטע קערנדלעך וויאזוי די מכון איז צושטאנד געקומען?**

בנוגע אייער פראגע; אנגעהויבן האט זיך דאס ווי פאלגענד: ארום דריי יאר צוריק אין שנת תשע"ו רופט מיך איין טאג אן ר' אברהם ע"ה, עס איז נאך געווען קוים א קורצע ווייל נאך וואס ער איז מקורב געווארן צום רבי'ן, און ער זאגט מיר, ס'דא א ערנסטע פראבלעם. פרעג איך אים, וואס? זאגט ער מיר, עס דרייען זיך ארום אזויפיל מענטשן מיט פארשידענע שוועריקייטן און פראבלעמען אין עבודת השם אויפן גאס און זיי האבן נישט פאר וועמען דאס מיטצוטיילן און פון וועמען צו פרעגן. דארפסט פארשטיין, האט ער מיר מסביר געווען, נישט יעדער האט די זכיה צו זיין מקורב צום רבי'נס חדר ווי די שפראך א גאנצן טאג איז אלעס נאר ארום עבודת השם און מקורב ווערן צום אייבערשטן, עס זענען דא אויך אסאך מבקשים אין אנדערע פלעצער פון אנדערע קרייזן ווי א בחור'ל אדער אינגערמאן קען זיך ארומדרייען מיט א געוויסע שוועריקייט אין קאפ נישט האבנדיג צו וועמען זיך צו ווענדן, מען מוז זען זאפארט צו טון עפעס דערוועגן, זאגט ער מיר. פרעג איך אים וואס שלאגסטו פאר אז קען מען טון דערוועגן? זאגט ער מיר, אז ער האט אריינגעטראכט אז מען קען עפענען א ספעציעלע טעלעפאן ליניע ווי מענטשן זאלן דארט קענען איבערלאזן זייערע שאלות און עס וועט זיין א גאנצע שטאב פון משיבים גרייט צו ענטפערן אויף יעדע שאלה וואס קומט אריין צו די מערכת. ר' אברהם, ווי עס ווייסן די אלע וואס האבן אים געקענט, ביי אים איז אלעס געווען גלייך 'אומר ועושה', א זאך וואס ער האט געפילט פאר וויכטיג, האט ער זיך תיכף גענומען דערצו. ער האט זיך גלייך העפטיג אריינגעלייגט דעריין, אוועקצושטעלן א ערפארענע שטאב פון חשוב'ע אנגעזעענע משיבים פאר דעם צוועק, געעפנט א טעלעפאן ליניע, און די זאך האט צוביסלעך אנגעהויבן באקומען הענט און פיס און אנגעהויבן פארן.

פארשטייט זיך אז עס איז נאך דעמאלטס נישט געווען אזוי אהערגעשטעלט אויף אזא סיסטעמאטישען אופן ווי היינט, דעמאלטס איז עס געווען אויסגעשטעלט אז ס'געווען א טעלעפאן ליין ווי מען האט געקענט איבערלאזן א שאלה מיט די אייגענע טעלעפאן נומער אדער אימעיל אדרעסס און איינע פון די משיבים פלעגן זיך פערזענליך פארבינדן מיטן שואל מיט א צופרידנשטעלנדע ענטפער אָן צו פרעגן סיי וועלכע פריוואטע פרטים וויאזוי יענער הייסט א.ד.ג., כדי די ווערטער אויסטויש זאל קענען געפירט ווערן נאטורליך אויף די באקוועמליכקייט פונעם שואל.

אזוי אויך געדענקען נאך א טייל ווי אין די ערשטע תקופה פלעגט זיין פארפלייצט איבעראל אזעלכע פשוט'ע קארטלעך מיט די נומער פונעם ליין און צוגאב צו דעם איז דאס געווען באגלייט מיט אויפשריפטן פון פארשידענע ברסלב'ע מושגים, צום ביישפיל: די צען קאפיטלעך תהלים פון תיקון הכללי; וואו מען קען באקומען דעם רבי'נס ספרים, און נאך פארשידענע ענינים און אינפארמאציע מיט וואס א פרעמדער פון אינדרויסן איז געווען אומבאקאנט מיט די אלע מושגים.

**וואס איז געווען די פראבלעם מיט דעם סיסטעם?**

די געדאנק איז געווען גאנץ א פיינע, אבער נישט אייביג האט זיך דאס גוט איינגעגעבן. וויבאלד צומאל ווען דער משיב האט צוריקגערופן איז דער שואל נישט געווען פונקט אוועילעבל און צומאל איז פאר'ן משיב געווען שווער זיך צוצושטעלן צו די באקוועמע צייט פונעם שואל. אזוי אויך, אפילו נאך וואס די טעלעפאן רופן זענען געווען הונדערט פראצענט קאנפידענשעל איז פאָרט נישט געווען אייביג באקוועם פאר'ן שואל צו פירן א שמועס מיט א מענטש מיט וועם ער האט זיך נאך קיינמאל נישט באקענט פון פארדעם.

נאך א פראבלעם איז געווען: צומאל פלעגן ווערן איבערגעלאזט שאלות דורך בחורים'לעך אדער אזעלכע געוויסע וואס האבן געהאט פארשידנארטיגע פראבלעמען אין וועלכע עס איז נישט געווען שייך זיי צוריקצורופן צוליב וואס זיי פארמאגן נישט ביי זיך קיין פריוואטן טעלעפאן אדער וועגן פארשידענע אנדערע סיבות, וואס צוליב דעם אלעם האט מען מיט די צייט אויסגעבעסערט א מער פארגעשריטענע סיסטעם אין וועלכע די שואל זאל קענען איבערלאזן די שאלה און די תשובה וועט אריינגעזאגט ווערן אין די טעלעפאן ליין ווי דער שואל וועט קענען איבערהערן די תשובה צו זיין צופרידנהייט אין סיי וועלכע צייט עס איז אים באקוועם און גלייכצייטיג וועלן קענען אנדערע צוהערער אויך הנאה האבן פון די אינהאלטסרייכע שו"ת, און בעז"ה ווי מען שטייט היינט האט זיך דאס גאר גוט איינגעגעבן בסייעתא דשמיא.

מען איז דעמאלטס אריינגעשפרינגען אין א אסטראנאמישן פראיעקט צו פארשענערן די ביזנעס קארטלעך און צו עדווערטייזן אין די אנגעזעענסטע אויסגאבעס און בראשורן ביים היימישן ציבור אין אלע געגנטער און איבערהויפט די קאסטן וואס די ליין זעלבסט קאסט אף יעדע חודש א באדייטנספולע סכום. ר' אברהם ע"ה האט נישט געשפארט קיין מיה, צייט און געלט, ער פלעגט דאס פרובירן צו שאפן פון נדיבים בעם, און אז נישט, איז דאס אלעס געגאנגען אויף זיין אייגענע חשבון פון זיין קארטעלע מדי חודש בחדשו.

**אפשר קענט איר אונז אראפגעבן וויאזוי עס גייט צו די פראצעדור פון ווען מען לאזט איבער א שאלה אין די מערכת ביז עס ווערט געענטפערט?**

אה, דאס איז גאר אינטערסאנט. די פרעצדור גייט צו ווי פאלגענד: א מענטש רופט אריין צום ליין איז פארהאן א ספעציעלע אפציע צו איבערלאזן א שאלה אין די מערכת. ווען ער ענדיגט איבערלאזן די שאלה באקומט ער אטאמאטיש א אויסוואל צו איבערהערן די שאלה צו זען אויב עס איז קלאר ארויסגעברענגט געווארן אדער צו ער וויל עס מער בעסער ארויסברענגען, ווען ער איז צופרידן דאן באשטעטיגט ער עס. ווי נאר די שאלה איז איבערגעלאזט געווארן באקום איך גלייך א אטאמאטישע אפדעיט אז עס איז אריינגעקומען א פרישע שאלה אינעם ליין. דאן הער איך אויס די שאלה זען צו עס איז ראוי זיך אפצוגעבן דערמיט, ווייל צומאל קענען מענטשן איבערלאזן אזעלכע שאלות אויף וואס מיר זענען נישט געשטעלט צו ענטפערן דערויף, צום ביישפיל פארשידענע הלכה'דיגע שאלות איבער תיקון הכללי, וועגן זמן תפילה וכו', מען דארף פארשטיין אז די ליין איז בלויז געווידמעט פאר אזעלכע סארט כלליות'דיגע שאלות אין עבודת השם, מיר קענען נישט נעמען די פאראנטווארטליכקייט זיך ארייצולאזן אין הלכה'דיגע אנגעלעגנהייטן וואו ביי יעדע קרייז איז פארהאן אנדערע דרכים אין מהלכים אין פסק. אזוי אויך קענען מיר נישט ענטפערן ברבים אויף שאלות וואס זענען געאייגנט נאר פאר א יחיד אדער געהערט צו א פרטיות'דיגע תורה אין ליקוטי מוהר"ן. א חלק פון די געשמאק פון דעם ליין איז, דאס אז אלע שאלות זענען געאייגנט פאר יעדעם איינעם. נאכדעם וואס איך הער אויס די שאלה און עס ווערט באשטעטיגט ארויפצוגיין אויפן ליין, לייג איך עס ארויף אויף א ספעציעלן קנעפל צו וועלכע נאר די משיבים האבן צוטריט דערצו, צו קענען אויסהערן די שאלה, און ווער עס האט צו ענטפערן, ענטפערט דערויף א תשובה איבערחזרן'דיג קודם די שאלה כדי נישט צו פארעפענטליכן די קול פונעם שואל (אזיווי פריער דערמאנט, אז די פרטים און די שטימע פונעם שואל ווערט געהאלטן גאר קאנפידענשעל). דאן גייען זיי נאכאמאל איבער די שאלה מיט די תשובה זען צו עס איז געגוג פאסיג דאס ארויסצולייגן פאר'ן רבים, וויבאלד מען דארף דאך פארט פארשטיין אז די ליין ווערט נישט אויסגעהערט נאר דורך געוויסע יחידים, אדער ברסלב'ע חסידים, דאס גייט דאך ארום איבער דער וועלט, וואס דערפאר מוז דאך יעדע ווארט זיין געוואויגן און געמאסטן סיי נישט ח"ו איבערצוציען דעם שטריקל, און סיי אז עס זאל זיין א דבר השוה לכל נפש.

וואס גלייכצייטיג איז טאקע דא די ארט ארויסצוברענגען א הכרת הטוב פאר די אלע חשוב'ע משיבים וואס שפארן נישט קיין מיה און פלאג און ווערן נישט מיד פון ארייצולייגן זייערע בעסטע כוחות אז די תשובה זאל זיין פאסיג און געשמאק פאר די צוהערער. איך אליין האלט פון מאל צומאל מיט ווי א משיב קען ארײנלייגן כוחות עצומות און שעות כדי איבערצוזאגן אפאר מאל א תשובה צוליב איין קלייניקייט פון א חשש אז ס'פעלט פון די געשמאק אדער שלימות אין הבנה פון די תשובה. וואס מיט דעם טאקע איז אגב פארשטענדליך צוליב וואס א שואל קען צומאל ווארטן אפאר טעג ביז ער הערט אן אנטווארט אויף זיין שאלה.

דערנאך ווען די תשובה איז פאאיגס גרייט ארויסצוגיין פאר'ן ציבור, דארפן מיר ארייטראכטן אין וועלכע אפטיילונג די שאלה געהערט. וויבאלד יעדע נושא האט א באזונדערע אפטיילונג ווי דער אריינרופער קען צו יעדע געלעגנהייט אריינגיין און הערן א ברייטע אויסוואל פון שו"ת אויף יעדע נושא אין עבודת השם צו יעדע צייט, ווצ"ב: אויף תורה, תפילה, התחזקות, יראת שמים, התבודדות, ימים טובים, א.א.וו. און אזוי אויך לייגן מיר דערנאך ארויף די תשובה אויף דעם הויפט קנעפל, אויף נומער איינס ביים אריינגאנג, א מעלדונג אז די אלע אריינרופער זאלן קענען מיטהאלטן אז עס איז נארוואס אריינגעקומען א נייע שאלה און תשובה.

**איז פארהאן א אפציע זיך צו פארבינדן מיט א משיב פריוואט?**

יא, איינע פון די אפציעס וואס די מכון שטעלט צו איז, אז טאמער איינער וויל זיך פריוואט פארבינדן מיט א משיב קען ער איבערלאזן א טעלעפאן נומער און איינע פון די משיבים וועלן אים אנרופן פריוואט זיך אפצוגעבן מיט זיין שאלה. דאס איז גאר א גוטע עצה צוליב אסאך סיבות, ווייל ווי פריער אויסגעשמועסט קענען מיר נישט אייביג ענטפערן אויף אלע סארטן שאלות ברבים צוליב די איידלקייט אדער האקעלע צוגאנג וואס דאס ברויך האבן. אבער פארט כדי נישט צו לאזן א איד מיט א פראבלעם קענען מיר זיך פריוואט פארבינדן מיט אים און אים פרובירן צופרידנצושטעלן אויפן בעסטן אופן וואס מעגליך. ב"ה מיר האבן שוין ערלעדיגט אסאך אזעלכע טעלעפאן רופן צו מחזק זיין אידישע קינדער.

**וויפיל משיבים זענען אריינגערעכנט אין דעם פראיעקט?**

ארום צען!

מען דארף פארשטיין, מיר נעמען נישט אויף סתם משיבים: מיר מוזן קודם זיכער מאכן עטליכע זאכן איידער עס ווערט באשטעטיגט א נייער משיב. ערשטנס דארף ער האבן א באהאווענטקייט אינעם רבי'נס ספרים פארשטייט זיך, אזוי אויך דארף ער האבן א קלארע שטארקע געשמאקע שפראך, און אזוי אויך מאכן מיר זיכער אז דער משיב זאל זיין באוואוסטזיניג צו די ערנסטקייט און יראת שמים מיט וואס דער תשובה דארף ווערן געענטפערט.

**איז די ליין געאייגנט בלויז פאר שו"ת, אדער אויך פאר נאך צוועקן?**

בעז"ה האבן מיר א גרעסערע אויסוואל פון נאך אסאך פליגלען וואס די ליין פארמאגט אונטער זיך. צום ערשט האבן מיר א מראה מקומות אפטיילונג, ווי מען קען כסדר הערן און אנפרעגן מראה מקומות אינעם רבי'נס ספרים, אזוי אויך בעפאר יעדע יו"ט שטעלן מיר צו א ספעציעלע ווינקל ווי מען קען הערן אלע מראה מקומות פונעם הייליגן רבי'נס און רבי נתן'ס ספרים וואס רעדן ארום איבער די קדושת החג.

ווי אויך האבן מיר פארשידענע שיעורים דורכאויס די וואך אינעם רבי'נס ספרים, א שטייגער ווי 'שיחות הר"ן', 'השתפכות הנפש', און דאס אלעס ווערט פארגעלערנט אויף גאר א געשמאקן און זאפטיגן אופן השוה לכל נפש.

נאך א פליגל אונטערן מכון איז די וועכענטליכע דבר תורה אויף די פרשת השבוע ארויסגענומען פונעם רב'ניס ספרים, געאייגנט מער פאר די וועלכע האבן ליב נאכצוזאגן א גוט ווארט זאלן האבן נאכצוזאגן א ווארט אדער טייטש ביים שבת טיש. אחוץ דעם האבן מיר אויך לעצטנס אנגעהויבן מיט א וועכענטליכע 'התחזקות שמועס' אויף די פרשת השבוע יעדע וואך דורך א צווייטע בעל דרשן אדער משיב.

נאך א פראמינענטע רינגעלע אינעם ברייטפארצווייגטן קייט איז אן קיין ספק, די כסדר'דיגע סעילס אויף ספרים וואס מיר פראקאלמירן יעדע שטיק צייט - טייל פון דעם פאר גאר שפאטישע ביליגע פרייזן. וויבאלד די ציל פון אונזער ליין איז, צו עפענען א טירעלע פאר'ן מבקש און אים געבן א געלעגנהייט צו אליין אנהייבן צו גיין ווייטער, צו לערנען דעם הייליגן רבי'נס ספרים פון אינעווייניג.

ווי אויך געבן מיר ארויס און פארשפרייטן איבעראל פאר יעדע יו"ט אזעלכע קליינטישע קונטרסים'לעך מיט א ליקוט פון ליקוטי תפילות אויף דעם יו"ט, כדי צו קענען אנווארעמען די הארץ אביסל און מאכן די ריכטיגע הכנה צום יו"ט. אברמי פלעגט מיר אלץ זאגן "ממילא אנדערע ברסלב'ע ספרים האבן אפשר מענטשן מורא ארייצוקוקן, אבער דאס איז דאך פשוט נישט מער ווי א געשמאקע שיינע תפילה פאר יו"ט, פארוואס נישט פארגינען אנדערע אידן מיט א שיין שטיקל תפילה וואס זאל אים אריינפירן אינעם יו"ט אריין? מען מוז אפילו נישט ווערן קיין ברסלב'ער פאר דעם!" אזוי איז זיין קאפ שטענדיג געלאפן, וויאזוי ארייצושיינען אין נאך א איד א פונק פון אידישקייט.

**עס ליגן נאך פלענער צו פארבעסערן און פארשענערן דעם ליין?**

אי"ה, האבן מיר כסדר פארשידענע פלענער. איינע פון די זאכן וואס מיר האפן אין די צוקונפט אוועקצושטעלן, איז אז עס זאל זיין א ספעציעלע ווינקל ווי מען וועט זיך אפגעבן מער מיט פריוואטע שאלות, ווי שאלות אין פשט אדער אין הבנה אין ליקוטי מוהר"ן א.ד.ג. אזוי אויך ווילן מיר בקרוב מאכן א טעגליכע קורצע התחזקות שמועס צו קענען געבן די מעגליכקייט פאר'ן ציבור אנצוהייבן די טאג מיט א פרישע התחדשות.

**יישר כח פאר'ן אראפגעבן פון אייער טייערע צייט צו מיטטיילן די גאר אינטערסאנטע אינפארמאציע, דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל קענען שטענדיג ווייטער אויפטון למען הכלל, ולקדש שם שמים, כל טוב און הצלחה! אמן!**

קראנטע ערציילונגען פונעם הייליגן רבי'ן און זיינע תלמידים:

## דער פסק פונעם געריכט:

# "ער איז א איד"

א נעפל פון טרויער און צער האט זיך אראפגעלאזט אויף די קרובים פון די משפחה מיט די אנקום פון די אומגליקליכע בשורה; די קאָפל וואס האט נארוואס חתונה געהאט אויף א ערליכע אידישן שטייגער, האבן זיך גענומען קייקלען בארג אראפ, פרעמדע ווינטן האבן זיך אריינגעכאפט צווישן זיי און צוגערויבט זייער רוחניות'דיגע נשמות, זיי זענען געווארן גענצליך וויסטע אטואיסטן רח"ל, זיי האבן זיך דערווייטערט און זיך אריבערגעצויגן אין א פארשטופטע סטעיט ערגעץ וואו אין דעם גרויסן אמעריקע, דארט ווי עס האלט זיך נישט אויף קיין שום זכר פון א אידישע קהלה אדער סיי וואספארא באריר ונג צו אידישקייט.

יארן זענען פאריבער און א אינגעלע איז געבוירן געווארן צו די משפחה. דער פרומער זיידע פון ניו יארק האט אומזיסט פרובירט נאכאמאל צו באאיינפלוסן די עלטערן אפצופראווען כאטש א ברית מילה פאר דעם ניי געבוירן קינד. ער האט געהאט אפילו איינגעשפאנט צו דעם צוועק עפעס אן אמעריקאנער אידישער פילאנטראפ וואוסנדיג אז ער פארמאגט די כוחות צו איבערצייגן די הארט'סטע ניסלעך, נישט נאר אין די האנדל'ס וועלט, נאר אויך אין די רוחניות'דיגע וועלט, צו מקרב זיין די הערצער פון אידישע קינדער צו די שויס פון זייער פאטער אין הימל, צווישן אנדערע אויך דורכ'ן זיי פאָרשלאָגן צו קומען קיין אומין אויף ראש השנה צום הייליגן רבי'ן.

דער פילאַנטראָפ איז אפגעפלויגן צו יענעם פארשטופטן סטעיט, ער האט באגעגנט דעם פאטער פונעם קינד, גערעדט מיט אים א שיינע פאר מאל אנגארטלנדיג זיינע בעסטע מיטלען צו משכנע זיין דעם פאטער ער זאל באוויליגן אפצורעכטן א ברית מילה. אבער ער איז שוין געווען אזוי ווייט פארקראכן אָן קיין טראָפ אמונה אינעם בורא עולם, און דער קינד איז איבערגעבליבן אומגע'מל'עט ל"ע.

עטליכע חדשים דערויף, א צוויי וואכן פאר ראש השנה, דער פילאנטראפ שפאצירט זיך געמיטליך אויף די אידישע גאסן פון בארא פארק, און פלוצלינג באגעגנט ער דארט דעם פאטער. זיי האבן פארטוישט אפאר ווערטער צווישן זיך, עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז יענער האט סך הכל אהערגעוואנדערט צוליב דעם וואס עס האט זיך אים אנגעכאפט א רייץ צו די פארצייטישע שבת'דיגע מאכלים, די טשולנט און קוגל, דערפאר איז ער געקומען צו פליען ביז קיין בארא פארק... דער פילאנטראפ האט געזען אין דעם א ספעציעלע השגחה פרטית פון הימל, און ער האט אים איינגעלאדנט אויף א כשר'ע מאלצייט אין א רעסטוראנט למהדרין. דארט האבן זיי זיך אוועקגעזעצט אין א רואיגע ווינקל און פארזוכט פון די נאסטאלגישע שבת'דיגע מאכלים.

דאן האט דער פילאנטראפ גענומען די דרייסטקייט צו אנטראגן פאר דעם אפיקורס'ל א גאר געוואגטע פארשלאג, נעמליך, צו פארן אויף זיינע קאסטן אויף ראש השנה קיין אומין... נישט מער און נישט ווייניגער...

די אנטווארט איז גלייך נאכגעקומען מיט א שפאטישן געלעכטער: "איך גלייב דאך נישט אין גארנישט, צו דען פונקט אין רבי נחמן זאל איך גלייבן?", אבער דער פילאנטראפ האט נישט נאכגעלאזט און זיך געבעטן ביי אים: "ענטפער מיר נישט אפ דא סתם אזוי אויפן פלאץ, טראכט עס איבער דורכאויס די נאכט, מארגן וועסטו מיר ענטפערן".

אויפצומארגנס איז געקומען דער אומגערישטע פאזיטיווער ענטפער: מען פאָרט!

ראש השנה ביינאכט, יענער איד זיצט מיט די קבוצה פון יענעם פילאנטראפ, ער גייט ניטאמאל צום ציון, אפגערעדט פון דאווענען א אידיש ווארט. אינדערצווישן הערט ער ווארעמע ניגונים, דא דארט ווערן געהערט הייליגע דיבורים פון דעם רבי'נס תורות, אבער זיין הארץ איז פארגליווערט ווי א שטיין, אלעס גייט אריבער אויף די שפיץ פון זיינע אויערן, עס קוקט אויס ווי עס איז שוין מער נישטא צו לייגן די מינדעסטע אויסזיכטן אויף דעם פארשוין.

אבער דער הייליגער רבי האט אנדערע פלענער, דער איד איז דאך געקומען צו אים אויף ראש השנה...

פרי פארטאגס נאך פאר די זון אויפגאנג ביים הייליגן ציון, דעם ערשטן טאג ראש השנה, דער פילאנטראפ מאכט זיין וועג צום ציון כדי אריינצוכאפן נאך א תיקון הכללי. יעצט איז די געדרענג ביים ציון נישט אזוי געפערליך, ער גייט צו נאנט צום שטיין און זיינע אויגן גלייבן נישט וואס זיי זעען, ער פאלט שיעור נישט אוועק אין חלשות פון גרויס שאק, אט דער ווייטער איד, דער שוין אויפגעגעבענער אפיקורס, שטייט דארט ביים ציון און וויינט... ער גייט צו נענטער, און יא, זיינע אויגן פאָפן אים נישט. ס'רעדט זיך פון דער איד. א טרער נאך א טרער פליסט פון זיינע אויגן אן אויפהער...

עס גייען אריבער לאנגע אויסגעווייקטע מינוטן, דער איד זעט אויס, האט שוין פארענדיגט זיין תפילה, ער דרייט אויס זיין פנים און אנדעקט די פנים פון דער וואס האט אים אהערגעשלעפט: "ברענג מיר א טלית, איך גיי יעצט דאווענען די ערשטע תפילה נאך פופצן יאר וואס איך האב נישט דערמאנט דעם אייבערשטנס נאמען!".

ראש השנה איז פארביי, דער איד גייט צוריק צו זיין שטוב, מיט א פולן אמונה אינעם באשעפער וואס האט באשאפן דער וועלט. זיין ווייב אנטזאגט זיך אבער מיטצוגיין מיט זיינע וועגן, ער לאזט איר אפ און באזעצט זיך אין דעם אנדערן עק פון דעם גרויסן אמעריקע, אין שאטן פון א ווארעמע אידישע קהילה וואס האט אים געהאלפן און געשטארקט אין זיין אידישן וועג.

מיר פארשטייען נישט דעם אייבערשטנס חשבונות. א קורצע תקופה דערויף איז דער איד ליידער דערטרונקען געווארן אין א טייך אויסהויכנדיג זיין אויסגעוואשענע ריינע נשמה צום באשעפער אין הימל. די משפחה האט אפגעראכטן א לויה, און דאן האט א פרישע צרה זיי באטראפן, זיין געוועזענע ווייב, די מרשעת איז פון ערגעץ ווי ארויסגעוואקסן, און שטרענג אויפגעפאדערט צו אפהאלטן די קבורה מיט די טענה, אז בשעתו האט דער מענטש געוואלט אז נאך זיין פטירה זאל מען פארברענען זיין קערפער און אים נישט באערדיגן רח"ל. די משפחה האט זיך געאיילט צו כאפן דעם קערפער און אפגעראכטן די לויה באהאלטענערהייט און אים באערדיגט. אבער די פרוי האט נישט נאכגעלאזט, זי האט געשטעלט די חברא קדישא און די משפחה צום פעדעראלן געריכט, ווען זי פאדערט אז מען זאל ארויסנעמען דעם מת פון זיין קבר און ערפילן זיין אלטן וואונטש.

נאך צוויי יאר פון העפטיגע פארהאנדלונגען, ווען יעדע זייט פרובירט אויפצואווייזן וואס די אמת'ע ווילן פון דעם מענטש איז געווען, און צו ער האט געטוישט זיין לעבנסשטייגער אין די לעצטע שטיק צייט, איז געקומען די שטאפל פון שטעלן דעם ענדגילטיגן באשלוס. דאן האט דער ריכטער פלוצלינג פארלאנגט צו וויסן אוואו דער מענטש האט זיך אויפגעהאלטן זיין לעצטע "ראש השנה" וואס איז ווארשיינליך פון די הייליגסטע טעג ביי אידן אינעם קאלענדער. אלע פארשונגען האבן צוגעוויזן צו איין ארט: דער מענטש האט זיך אויפגעהאלטן אין אומין וואס איז אין אוקריינע... דער ריכטער האט נישט געדארפט צולאנג מברר זיין וואס איז דאס אומין, און בשעת'ן פארליינען דעם פסק וואס האט אים ערמעגליכט איבערצובלייבן אין קבר ישראל, האט דער גוי ציטירט די וואונדערליכע הבטחה פונעם הייליגן רבי'ן אז: "ווער עס וועט קומען אויף זיין קבר און זאגן דארט דעם 'תיקון הכללי' וועט ער אים ארויסציען פון שאול תחתית": "אויב איז ער געווען אין אומין ראש השנה", האט דער ריכטער אויסגעפירט, "איז נישט קיין שום ספק אז ער האט זיך צוריקגעקערט צו זיין ווירקליך א איד א מאמין בשם!!!"





יואל יאזעפאוויטש

איך קום יעצט די ערשטע מאל צום

# רבי'נס ראש השנה

# אצ'ינד וואס טו איך יעצט?

עטליכע אנווייזונגען און הנהגות לימי ראש השנה הקדושים

### סדר השתטחות על הציון:

**א.** מען פירט זיך צו גיין אין מקוה (לכתחילה) איידערן ארויפגיין צו זיך משתטח זיין אויפן ציון. (שיש"ק ג, תקמ"ג)

**ב.** ביים ציון דארף מען זיין געווארנט זיך נוהג צו זיין מיטן פאסיגן כבוד, נישט צו רעדן קיין דברים בטלים און נישט זיך נוהג זיין מיט קיין קלות ראש ח"ו.

**ג.** עס זאל זיין פאר דיינע אויגן אז דער הייליגער רבי געפונט זיך ממש דא ביי זיין ציון אזויווי ביים לעבן (שיחות הר"ן קנ"ו)

**ד.** איידער מען הויבט אן דעם תיקון הכללי דארף מען געבן א פרוטה לצדקה און ער זאל זאגן: הריני נותן צדקה בעבור נשמת רבינו הקדוש רבינו נחמן בן פייגא. (שיחות הר"ן קמ"א)

**ה.** נאכ'ן פאר'ענדיגן דעם תיקון הכללי מיט די תפילה, זאל ער זיך מתוודה זיין אויף אלע זיינע חטאים וואס ער האט אפגעטון אויף ווי ווייט ער געדענקט. (ליקו"מ קע"ח)

**ו.** ער זאל זיך אוועקשטעלן ערגעץ נעבן ציון (מוז נישט זיין דווקא אין די ד' אמות) און זיך אויסגיסן זיין הארץ פאר'ן רבי'ן אויף אלעס וואס עס קוועטשט אים אזויווי מען רעדט זיך אויס צו א לעבעדיגן צדיק. (חיי מוהר"ן ש"ז)

**ז.** דער רבי האט געזאגט אז ער וועט האבן א ספעציעלע פארגעניגען אויב מען וועט קומען צו זיין קבר און לערנען און דאווענען דארט. דערפאר זאל מען זיך מייחד זיין ביים ציון צו זאגן דארט תהלים, ליקוטי תפילות, לערנען משניות, גמרא, הלכה, ספרי רבינו, א.א.וו.

### ליל זכור ברית

**ח.** די לעצטע נאכט פונעם יאר פירן זיך אנ"ש אויפצושטיין חצות און קומען צום ציון זאגן תיקון חצות. (מהרלוי"צ)

**ט.** די תיקונים פון ר"ה הייבן זיך שוין אן פון סליחות ערב ר"ה. דעריבער האבן אנ"ש מקפיד געווען שוין צו זיין אין אומין צו סליחות פון זכור ברית. (שיש"ק ב, תשי"ד)

### ערב ראש השנה

**י.** מען פירט זיך צו פאסטן ביז חצות.

**יא.** מען איז זיך משתדל ארויפצוגיין צום ציון און זאגן תיקון הכללי, ווידוי דברים וכו' נאך פאר'ן אויספאסטן. (שיש"ק ב, תקל"ט)

**יב.** דער רבי האט געזאגט: אנדערע וואלטן זיך געוואונטשן אזא ראש השנה ווי אונזער ערב ר"ה (חיי מוהר"ן ש"ה). אנ"ש האבן אויסגענוצט די טאג פון ערב ר"ה ביזן קלימאקס מיט תפילות ותחנונים זיך אויסצוגיסן די הארץ און זיך אויסוויינען און אויסוואשן די נשמה פאר השי"ת זיך צוצוגרייטן צו די ימים הנוראים מיט די פאסיגע הכנה.

**יג.** ערב ראש השנה איז כדאי צו געבן צדקה פאר א פדיון (שיחות הר"ן רי"ד).

### ראש השנה

**יד.** די ערשטע טאג ראש השנה דארף מען זייער ממעט זיין מיט די דיבור און בכלל נישט רעדן קיין דברים בטלים (שיחות הר"ן כ"א)

**טו.** ראש השנה דארף מען טראכטן נאר גוטע מחשבות, און זיך מחזק זיין מיט אמונה און בטחון אז דער אייבערשטער וועט אונז זיכער שענקען א גוט געבענטשט יאר. (שיחות הר"ן כ"א)

**טז.** ראש השנה איז פארהאן א ספעציעלע ענין צו וויינען ביים דאווענען (אן קיין דרוק, פארשטייט זיך) און די וויינען זאל קומען פון שמחה וואס דאן האט עס א גרעסערע חשיבות (ליקו"מ קע"ה, שיחות הר"ן פ"ז)

**יז.** די אלע וואס פארן צום רבי'ן דארפן זען צו נכלל ווערן איינער אינעם צווייטן מיט א געוואלדיגע אהבה און ליבשאפט, דורכדעם ווערט מען נכלל אינעם צדיק און מען איז ממשיך דעם צדיק דא צו אונז אויף דער וועלט (ע"פ פרפראות לחכמה תורה ס"א).

### מוצאי ר"ה

**יח.** ווער עס איז געווען ביים הייליגן רבי'ן אויף ר"ה דארף זיך זייער פרייען מיט די געוואלדיגע זכיה וואס ער האט זוכה געווען, אזויווי דער רבי האט געזאגט: מי שהיה אצלי על ר"ה ראוי לו לשמוח מאד, אכלו מעדנים ושתו ממתקים וכו'. (חיי מוהר"ן ת"ג)

בס"ד

# סדר השיעורים

## וסעודות שבת ויו"ט

בהיכל

## אהל אברהם

לע"נ חברינו הבלתי נשכח מוהר"ר **אברהם** ז"ל ב"ר **משה דוד** הי"ו געטץ
נפטר באומין יום א' דר"ה תשע"ט לפ"ק

לימי ראש השנה תש"פ - בבנין קרית ברסלב עילית - מול הקיבוץ הקדוש באומין, רח' קוליקא, קומה החמישית

## שע"י איחוד החבורות ד'חסידי ברסלב - ארה"ב

להתאחד ביחד להתקרב להצדיק
האמת רביה"ק מוהר"ן מ'ברסלב זי"ע
בדרך המסורה לנו מדור דור

### סעודת ליל ראשון דראש השנה

שיחה ע"י הרה"ח ר' **מרדכי שלום ראזענפעלד** שליט"א

לפני ברה"מ דרשה ע"י
**הרה"ח ר' שמואל בריינעס שליט"א**

### סעודת יום ראשון דראש השנה

**הרה"ח ר' יצחק אהרן פאגעל שליט"א**

**דברי התעוררות וזכרון**
לכבוד נשמת חברינו היקר הבלתי נשכח
מוהר"ר **אברהם** ז"ל ב"ר **משה דוד** הי"ו געטץ
לכבוד היא"צ הראשונה
ע"י אחד מראשי חבורתינו
**הרה"ח ר' יחיאל מיכל ליכטענשטיין שליט"א**

### אחר תשליך

בענין "לחיות עם תורת רבינו הקדוש"
**הרה"ח ר' אלימלך הכהן זילביגער שליט"א**

### סעודת ליל שני דראש השנה

שיחה ע"י הרה"ח ר' **מאיר ראזענבוים** שליט"א

לפני ברה"מ דרשה ע"י
**הרה""ח ר' יעקב נתן אנשין שליט"א**

### סעודת יום שני דראש השנה

שיחה ע"י הרה"ח ר' **וואלף הכהן שווארטץ** שליט"א

לפני ברה"מ דרשה ע"י
**הרה"ח ר' אברהם יצחק כרמל שליט"א**

### אחרי מנחה - נעילת החג

"להמשיך אור הצדיק על כל השנה כולה"
**הרה"ח ר' איתמר לייפער שליט"א**

### אחר מעריב

אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו
**ריקודים בתוף ומחול**

### ליל שישי פרשת נצבים

בין מנחה למעריב תתקיים שיחה
"ברוכים הבאים צום הייליגן רבי'נס קיבוץ"
**ע"י אחד מאברכי אנ"ש הי"ו**

### בשעה 9:00 בערב

"קדושת אומין"
**ע"י הרה"ח ר' נתן בורשטיין שליט"א**

### סעודת ליל שבת קודש

שיחה ע"י הרה"ח ר' **נחמן דוב הלפרין** שליט"א

לפני ברה"מ דרשה ע"י
**הרה"ח ר' מיכאל חשין שליט"א**

### אחר הסעודה

שבת אחים
**ע"י הרה"ח ר' אליהו גודלבסקי שליט"א**

### יום שבת קודש

בשעה 11:30 קידושא רבא
שיעור בספה"ק סיפורי מעשיות
**הרה"ח ר' אפרים נחמן אנשין שליט"א**

### סעודת יום שבת קודש

שיחה ע"י הרה"ח ר' **מתתי' לידער** שליט"א

לפני ברה"מ דרשה ע"י
**הרה"ח ר' שמעון אליהו ברוין שליט"א**

### שבת קודש אחצ"ה

"הכנה ליום הדין"
A SPECIAL SHIUR IN ENGLISH BY:
**הרה"ח ר' מאיר אלקבץ שליט"א**
At 5:15

### סעודה שלישית

שיעור בספה"ק ליקוטי מוהר"ן
**ע"י הרה"ח ר' שמעון צבי שפירא שליט"א**
תפילת מעריב במקום

## הכניסה להסעודות להנרשמים בלבד - השיעורים והדרשות
## יהי' פתוח לכלל בני החבורה עם "איינטריט קארטל"

לקבלת "איינטריט קארטלעך" ניתן לפנות לעסקני החבורה שבכל עיר ועיר

"וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ-הַשָּׁנָה רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד, "אִכְלוּ מַעֲדַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַקִּים כִּי חֶדְוַת ה' הִיא מָעֻזְּכֶם"

---

**משפחת געטץ הה'**
באָראָ פּאַרק
**שתרמו להפצת הגליון**
לע"נ מוהר"ר **אברהם** ע"ה בן יבלחט"א מוהר"ר משה דוד **געטץ** ע"ה
נלב"ע יום א' דר"ה תשע"ט

---

מוה"ר **שלמה זלמן**
**שפיטץ** הי"ו
מאנסי
**שתרם להפצת הגליון**
לרגל הולדת הבת
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

---

מוה"ר **שמעון יו"ט**
**יוזשעף** הי"ו
וומסב"ג
**שתרם להפצת הגליון**
לרגל הולדת הבן
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

---

מוה"ר **אלי'**
**פדווא** הי"ו
וומסב"ג
**שתרם להפצת הגליון**
לרגל נישואי הבת
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

---

מוה"ר **חיים צבי**
**שווארטץ** הי"ו
באָראָ פּאַרק
**שתרם להפצת הגליון**
לרגל הולדת הבן
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

---

מוה"ר **יצחק**
**אלטר פיש** הי"ו
באָראָ פּאַרק
**שתרם להפצת הגליון**
לע"נ מוהר"ר **אברהם** בהר"ר
משה דוד **געטץ** ע"ה
נלב"ע יום א' דר"ה תש"פ

---

מוה"ר **דוד**
**שווארטץ** הי"ו
באָראָ פּאַרק
**שתרם להפצת הגליון**
לע"נ מוהר"ר **אברהם** בהר"ר
משה דוד **געטץ** ע"ה
נלב"ע יום א' דר"ה תש"פ

---

# ואלו יעמדו על הברכה:

לפי סדר הא"ב

**אדלער** הר"ר **הערשל** - וומסב"ג
**אדלער** הר"ר **יואל** - וומסב"ג
**אנשין** הר"ר **יעקב נתן** - י-ם
**ברילל** הר"ר **נחמן** - לעקוואד
**גאלדרינג** הר"ר **אהרן ברוך** - מאנסי
**גאלדרינג** הר"ר **לייבל** - מאנסי
**גודלעבסקי** הר"ר **ישראל** - ב"פ
**גראסס** הר"ר **שאול יחזקאל** - ק"י
**האבערפעלד** הר"ר **נתן** - מאנסי
**האלד** הר"ר **אברהם שמחה** - ק"י
**האלד** הר"ר **אהרן שמואל** - י-ם
**האראוויטץ** הר"ר **אברהם דוד** - סטעטן איילענד
**הענדלער** הר"ר **שלמה** - בית שמש
**הערשקאוויטש** הר"ר **אברהם יעקב** - טאהש
**הערשקאוויטש** הר"ר **ישראל חיים** - מאנסי
**וואלטער** הר"ר **שמעון ישראל** - וומסב"ג
**וואסילסקי** הר"ר **חיים יוסף** - לעקוואד
**ווייס** הר"ר **משה יואל** - ק"י
**וועבער** הר"ר **מנחם דוד** - ק"י
**זיידענפעלד** הר"ר **אהרן** - לעקוואד
**זילביגער** הר"ר **שלמה בנימין** - מאנסי
**זילבערשטיין** הר"ר **משה מאיר** - ק"י
**זילבערשטיין** הר"ר **קלמן אליעזר** - מאנסי
**זינגער** הר"ר **אליעזר חיים** - וומסב"ג
**יאקאבאוויטש** הר"ר **נחמן חיים** - ק"י
**יוזשעף** הר"ר **יואל** - וומסב"ג
**יוזשעף** הר"ר **שמעון יו"ט** - וומסב"ג
**לאבין** הר"ר **יושע** - סטעטן איילענד
**לאנדא** הר"ר **מנחם דוד** - וומסב"ג
**לאק** הר"ר **שמעון** - ק"י
**לייפער** הר"ר **אהרן משה** - ב"פ
**ליכטענשטיין** הר"ר **מיכל** - לעקוואד
**ליכטענשטיין** הר"ר **צבי יוסף** - לעקוואד
**ליכטער** הר"ר **יעקב נתן** - וומסב"ג
**ליכטער** הר"ר **משה** - מאנסי
**לעווי** הר"ר **ליפא** - ק"י
**לעפקאוויטש** הר"ר **שלמה דוב** - ב"פ
**מענדלאוויטש** הר"ר **יואל** - וומסב"ג
**ניימאן** הר"ר **יואל לוי** - ק"י
**פדווא** הר"ר **אלי'** - וומסב"ג
**פירטה** הר"ר **מנחם** - ק"י
**פיש** הר"ר **הערשל** - וומסב"ג
**פיש** הר"ר **יעקב יואל** - וומסב"ג
**פיש** הר"ר **יצחק אלטר** - ב"פ
**פיש** הר"ר **נתנאל** - וומסב"ג
**פריעד** הר"ר **יושע מנחם** - וומסב"ג
**פריעדמאן** הר"ר **אשר מרדכי** - וומסב"ג
**פריעדמאן** הר"ר **ליפא** - ק"י
**פריעדמאן** הר"ר **נחמן** - ק"י
**פריעדמאן** הרב **מענדל מאיר** שליט"א - וומסב"ג
**קויפמאן** הר"ר **מנחם** - ק"י
**קנאפפלער** הר"ר **אברהם מנחם** - י-ם
**ראטטער** הר"ר **שלמה** - טאהש
**רויטנבורג** הר"ר **זושא** - מאנסי
**רייכמאן** הר"ר **שלמה** - ב"פ
**שווארטץ** הר"ר **אלחנן שלמה זלמן** - וומסב"ג
**שווארטץ** הר"ר **אברהם דוד** - וומסב"ג
**שווארטץ** הר"ר **דוד** - ב"פ
**שווארטץ** הר"ר **יוסף זכרי'** - וומסב"ג
**שווארטץ** הר"ר **חיים צבי** - ב"פ
**שווארטץ** הר"ר **יונה** - בלומינגראוו
**שווארטץ** הר"ר **משה יוסף** - וומסב"ג
**שווארטץ** הר"ר **נפתלי** - ב"פ
**שטיינבערג** הר"ר **חיים הערש** - וומסב"ג
**שפיטץ** הר"ר **שלמה זלמן** - מאנסי

**פאר'ן נעמען א טייל למען החזקת הגליון ביי א שמחה אדער אין אנדערע געלעגענהייטן**
**דורכאויס די לעצטע האלבע יאר פון ווען די גליון האט אנגעהויבן צו ערשיינען**

**- ימלא ה' כל משאלות לבם לטובה -**

## חיים נצחיים

---


מיר וואונטשן פאר אלע אונזערע
קליענטן א כתיבה וחתימה טובה -
**א גוט געבענטשט יאר!**

Plan it Rite
Travel the right way

בס"ד

# איחוד החבורות ד'חסידי ברסלב - ארה"ב

להתאחד ביחד להתקרב להצדיק האמת רביה"ק מוהר"ן מברסלב זיע"א בדרך המסורה לנו מדור דור

## בשורה משמחת

**לכלל אברכי ובחורי אנשי שלומינו היקרים**

הננו שמחים להזמינכם במשך ימי הקיבוץ הקדוש בראש השנה
בעיר אומין יצ"ו לבוא ולהשתתף יחד בקיבוץ חברים

# בהיכל
# אהל אברהם

בבנין קרית ברסלב עילית - מול הקיבוץ הקדוש
רח' קוליקא, קומה החמישית

**אשר הוקם במיוחד לע"נ חברינו הבלתי נשכח**

מוהר"ר **אברהם** ז"ל ב"ר **משה דוד** הי"ו געטץ

**נפטר בעיר אומין יום א' דראש השנה תשע"ט לפ"ק**

בו יתקיימו שיחת חברים ושיעורים כסדרן
ע"י חשובי אנשי שלומינו מארה"ק וחו"ל

**טעימה קלה ושתיה במקום במשך היום**

הכניסה להסעודות להנרשמים בלבד - השיעורים והדרשות
יהי' פתוח לכלל בני החבורה עם "איינטריט קארטל"

**מען קען באקומען "איינטריט קארטלעך"**
**ביי די עסקני החבורה הי"ו אין אלע היימישע געגנטער**